STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06742

DI FREYD FUN YIDISHN VORT

Jacob Glatstein

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



די פֿרייד פֿון ייִדישן וואָרט.

יעקבֿ גלאַטשטיין

די פֿרייד פֿון ייִדישן וואָרט

אילוסטראַציעס / בנימין קאָפּמאַן

תשכ"ב — ניו־יאָרק — 1961

JACOB GLATSTEIN

DI FREID FUN YIDISHEN WORT
THE JOY OF THE YIDDISH WORD

פֿאַרביקע אילוסטראַציעס און
שער-בלאַט / בנימין קאָפּמאַן

איבערדרוקן, אַפֿילו טיילווייַז,
איז שטרענג פֿאַרווערט

COPYRIGHT 1961,
BY ISRAEL LONDON

All rights reserved. No part of this book may be reproduced in any form without the permission of "Kval" Publishers

Published by
DER KVAL, I. LONDON, *Publisher,* NEW YORK, N.Y., U.S.A.

MANUFACTURED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
BY MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK

אינהאַלט

1טע סעריע

אַש פֿון געגנאָד / זײַט 9

2טע סעריע

דאָס טירל פון אַ חלום / זײַט 55

3טע סעריע

אַ זמר / זײַט 87

4טע סעריע

דער נאַכט אַנטקעגן / זײַט 113

5טע סעריע

וואַריאַציעס אויף אַ טעמע / זײַט 141

6טע סעריע

פאַריאָרטע טעג / זײַט 183

1-טע סעריע -

אַשפֿון גענאָד -

העכסטע טרעפּ

שטרעק אוים די פֿים, משה.
ווער זיך נישט. דער גערא̈נגל מאַכט מיד.
איך שטיי דיר צוקאָפּנס,
פֿאַרשווידער דיך מיט אַ ליד.
איך האָב דיך באַגלייט
צו דער העכסטער טרעפּ.
איך בין די אייביקע שווערד.
איך קעפּ און איך קעפּ.

פֿאַרמאַך די אויגן, משה.
זײַ שוין געזעטיקט מיט כּבֿוד און קריג.
גיב זיך איבער מיט גענאַד
צום לעצטן באַזיג.
הער דאָס קלאָגן
פֿון וועלף און המון,
איידער ס׳פֿאַלט אויף דײַנע שלייפֿן
אַ פֿינצטערע קרוין.

אין אַ געטאָ

אין אַ געטאָ פֿון טעג און נעכט
ליגט אונדזער אָפּגעראַטעוועט לעבן,
אַלץ וואָס טרעפֿט אונדז,
באַשערט און געגעבן,
איז ייִדיש דורך און דורך.
מיר האַנדלען־דורך די טעג
מיט לײַען און באָרגן
און דרייען אַרײַן
די בײַנאַכטיקע, דערשראָקענע לאָמפּן
פֿון אונדזערע באַזונדערע זאָרגן.
פֿאַרפֿאַלן, ייִדישער פּאָעט,
נישט דיר איז באַשערט צו ווערן
אַ פֿעסטונג פֿון ציטאַטן.
דעם תּנ״ך, וואָס זיי האָבן דיר צוריקגעוואָרפֿן
אַריבער דעם פּאַרקן,
האָב איך שוין לאַנג אויפֿגעהויבן אַ געשמדטן.
איצט ביסטו שוין ווידער אַליין.

אַליין.

פּאָעט, נעם די שטילסטע ייִדישע רייד,
פֿאַרגלייב זיי, פֿאַרהייליק אויף דאָס נײַ.
אַלע דײַנע מצוות הויערן בײַ דײַנע פֿיס געטרײַ
ווי צוגעטרויטע קעצלעך;
קוקן דיר אין די אויגן,
זאָלסט זיי גלעטן און טאָן.
ווייסט גאָר נִיט, ווי ס׳שטייט אַלץ אין קאָן.

זאָלסט זיי טאָן.

זײַ אָפּגעהיט. די פֿאַרוויסטונג רופֿט ווידער.
אַ ווילדער אַקער צעמורשט אַ גרויסע זעט
און געפֿינט דאָס האַרץ פֿון אַ סקעלעט.
און טאָמער זאָלסטו דיר אײַנרעדן,
אַז אַ סקעלעט איז אָן אַ האַרץ,
זאָלסטו וויסן, קראַנק יינגל,
דאָס גאַנצע צעגליטע,
צעצונדענע לעבן
אויף יענער זײַט פֿאַרקן
קאָן דיך נישט שטאַרקן, דערהייבן,
ווײַל ס׳איז סקעלעטן־האַרץ
מיט דער גאַנצער פֿרייד,
רחמנות און גלאָקן פֿון גלויבן.

פֿאָעט, וואָס פֿון דער נאַכט?
אונדזער באַפֿרײַונג איז קליין,
אומבאַוואַכט, אומבאַשיצט.
ווער דער שומר, באַוואַך,
פֿאַרוואָר —
דאָס בטחונדיקע טיר־און־טויער־געזאַנג
פֿון אַן איבעראַיאָר,
וואָס איז אויף תּמיד
אין דײַנע גלייביקע ביינער אײַנגעקריצט.

דער פּאָעט לעבט

דער פּאָעט לעבט. די ייִדישע לוויה־פֿייגל שנאַפּן.
דײַן געזאַנג איז אַ שמירה קעגן זייער געקלאַג.
די לוויה־פֿייגל וועלן דיך ניט כאַפּן
הײַנט אין דײַן לעבעדיקן פֿאַרטאָג.

דער שפּיגל זוניקט דײַן געשטאַלט.
ער באַהאַלט דײַנע יאָרן מיט אַ פֿאַרגלעט.
פֿאַרשניפּס דעם האַלדז מיט די שענסטע קאָלירן.
האָב נישט קיין מורא. די ייִדישע לוויה־פֿייגל וועלן דיך ניט באַרירן.
זיי וועלן חלילה ניט זאָגן קיין גוט־מאָרגן אַ לעבעדיקן פּאָעט.

זיי שאַרפֿן שוין די שנאָבלען אויף אַ געקלאָג.
זיי פֿײַפֿן זיך שוין אײַן דעם נעקראָלאָג.
ניט צוליב דיר, נאָר כּדי מיט דײַן טויט צו פֿאַרקריצן
זייער אַנלויף פֿון אַלע זומפּיקע ווינקלען,
פֿון אַלע אונדזוערע פֿאַרשימלטע שטינקלען.

זײַ רויִק, לעבעדיקער פּאָעט.
קאָנסט וויינען, לאַכן, זיך רײַסן אין איינזאַמקייט די האָר.
די לוויה־פֿייגל וועלן שנאַפּן,
אָבער זיי וועלן דיר חלילה ניט ווינטשן קיין לעבעדיק יאָר.

גייט אויף

גייט אויף אין פֿאַרגלייבטן ציטער
פֿון פֿאַרמעטענע געדעכענישן,
צייכנס פֿון אַ צעשטאָרבן פֿאַרמעג —
פֿנימער פֿון געשווירענעם ברודערשאַפֿט.
דער גאַנצער טיש איז גוטער שמועס.
אונדזער אָלימפּ איז רײַך
און לעבעדיק איז זייער בענקשאַפֿט
צו אונדז, נאָך אונדז.
דאָס לשון אויף זייערע ליפּן
איז קלוג און סודותדיק,
דער גאַנצער טיש איז גוטער שמועס.

אָבער יעדער היט זײַן געזאַנג און זײַן פּנים,
ווײַל דאָ בײַ אונדז איז שוין אַלץ
צווישנשטאַרב.
קיינער ווייסט ניט וועמעס מאָרגן
וועט פֿאַרצייכענען
וועמעס לעבעדיקע האַנט.
די טויטע וואַכן איבער די לעבעדיקע
מיט זאָרגעוודיקער, קלאַסישער מורא.
אַ האַנט וואַרפֿט מיט פֿאַרהויל
נעמען אין דער קלפּי.
ווער וועט זײַן דער זוכה בגורל —
דאָס לעצטע מויל?

אַלט

מײַן צעך איז אַלט.
די שטאַרביאָרן ליגן אויפֿן קאַרק.
מיר קוקן זיך פֿאַרבענקט
מיט זאָרג אין די אויגן.
מיר באַזינגען זיך הויך און שטאַרק.
די מלאכה פֿאַלט פֿון די הענט,
אָבער אַלץ מוז טויגן.
די נאָענטשאַפֿט אונדזערע איז פֿאַרקרענקט.
אין יעדער איינעם פֿון אונדז
ציטערט אַ דערשראָקענער גוואַלד.

מײַן צעך איז אַלט.

אומזיסט

אומזיסט ווי נײַ אָרײַנגעשטעלטע ציין
זענען געווען די ביכער, וואָס ער האָט געלייענט
קורץ פֿאַר זײַן אומגעריכטן גאַנג.
דער דערשטיקער פֿאַרלאַנג אַלץ צו פֿאַרשטיין
איז אײַנגעשטילט.
דער מוח דאַרף שוין מער ניט קײַען, מאָלן.
די סימעטריע פֿון צעלן און צאָלן און וויסן
איז טרויעריק פֿאַרגליווערט.
ער וואָס איז געווען מיט קלוגשאַפֿט פֿאַרריסן
ליגט פֿאַרשעמט
אַנטקעגן דעם שמייכל פֿון אַ נאַר.

אַ מאָל איז ער געווען דער האַר
איבער אַ גאַנצן גוט
מיט אײַנגעסדרטע געדענקשאַפֿטן,
מיט פֿאַרוואָרטע בענקשאַפֿטן.
איצט איז אַלץ פֿאַרמעקט.
דער שׂכל וואָס איז געווען זײַן געווער
און אַלץ וואָס איז געווען פֿיליאַריק — ער
ליגט אויסגעשטרעקט.

אַ טאָג לעבן

דער טויט קאָן ניט זײַן אומפֿאַרשטענדלעכער
ווי דער אומפֿאַרשטענדלעכער קאָפּ
וואָס ליגט אַרומגעקרוינט אין אָרון.
שטעל אויף זיך דעם טראָפּ,
פֿאַרהאַלט זיך, גיי ניט אַוועק,
אויך דו האָסט פֿאַרלוירן אַ פֿאַרמעג,
פֿאָרש, שפּאַן, דערוועג זיך אַריבער אָן שרעק
אויף יענער זײַט רו.

דער אומפֿאַרשטענדלעכער קאָפּ
האָט אויסגעשלאָפֿן זײַן גאַנצן שלאָף,
אומפֿאַרענדיקט איז געבליבן אָן איינציקער סטראָף,
אַ סטראָף וואָס וואָלט מיר פֿאַרשטענדיקט
דעם מעסערדיקן טראָפּ אויף זיך
און די וואָר, אַז דער געקריך
פֿון דער שפּין קומט נעענטער.
סײַ ווי, כ׳האָב דעם זין פֿון הײַנטיקן טאָג באַנומען:
דער טויט האָט אים שטאַרק אַרומגענומען.

יעקבֿ גלאַטשטיין

אומבאַשיצט

דער גרויסער טרויער מײַנער
ווערט אַלע נאַכט מײַן שאָטן,
גייט מיר נאָך פּוס-טריט
מיט געטרײַשאַפֿט פֿון אַ גלויבן.
ער לעקט מײַנע טריט.
פֿאַרהילט מיר די מעשׂים פֿון טאָג,
מעקט זיי אָפּ ווי נישט געטאָן.
דאָס גוטס און דאָס שלעכטס
אַלץ איינס פֿאַרהילט ער מיר.
און ס'איז געווען טונקלטאָג.
געווען פֿריטאָג.
אַלץ איז גוט.

שפּעט בײַ נאַכט פֿליקט ער מיר אויס
אַ גאַנץ בלעטל פֿון מײַן טאָגבוך
און שיקט מיך שלאָפֿן
אָן קריאת-שמע
אויף גאָטס בּאַראָט.
אַז די נשמה ווערט מיר צוריקגעקערט
פֿריש אין דער פֿרי,
האָט זי שוין דער טרויער מײַנער
געוואַשן און געפּרעסט.
איך הייב זיך אויף,
נעם שרײַבן מײַנע מעשׂים,
וואָס דער געטרײַער גרויסער טרויער מײַנער
וועט ווידער מעקן.

און איין מאָל אַ יאָר
באַפֿאַלן מיך אַלע
מײַנע גוטע און שלעכטע מעשׂים
ווי די הינט
און זיי פּילדערן:
אַזוי און אַזוי און אַזוי
האָסטו צעטאָן, אַזוי און אַזוי.
שטעל, מעק, זאָג, רוף, גלייב, לייקן.
מײַן גרויער טרויער שנאָרכט.
ער האָט מיר איין מאָל אַ יאָר צוגעשאָנצט אַ טאָג,
ווען איך שטיי אומבאַשיצט
פּנים אל פּנים מיט דער שווערער, רעווענדיקער פֿרייד
פֿון לעבן.

אומגלייביקער טרויער

אומגלייביקער טרויער דערנידריקט, דערדריקט.
אַ פֿאַרגליווערט פּנים וויינט
אַ צו־קיינעמדיק געוויין.
אין מוטנעם טײַכל זענען שטיינדלעך געפֿאַלן.
דעם וואָרפֿערס האַנט האָט גאָרניט געמיינט.

צווישן דיר און דער שפּילעוודיקער רישעות פֿון הימל
איז נישטאָ קיין פֿאַרבינד.
ביסט אויפֿגעוואַקסן, אָבער דײַן פֿאָרוווּרף
איז ווי פֿון אַ טויט געבוירן קינד.

מיט וועמען וועסטו זיך אויסטענהן?
ווער וועט דיר אײַנאיובֿן דײַנע ווונדן
מיט זאַלב פֿון אומפֿאַרשטאַנד?
דײַן שעלטנדיק ווײַב איז פֿאַרשוווּנדן.
ס׳וואָרעמען זייערע רעמאַטישע ביינער
דײַנע טרייסטערס אין ווײַטן לאַנד.

ניט די גרויסע

ניט די גרויסע, די וואָרט־צעקלונגענע,
בין איך מקנא.
זיי זענען מיר ניט אין וועג; קיין שטער פֿאַראַנען.
מײַן אייגענער שײַן האָט זיך ניט וואָס צו שעמען.
ער פֿאַרלײַכט, פֿאַרגעסט,
און אַפֿילו ווען ער פֿאַרגלײַכט די נעמען,
איז ער מיט קיינעם ניט אין פֿאַרמעסט.

נאָר ס'טרעפֿט, אַ שטילער פּאַעט,
אַ פֿאַרווינקלטער,
קומט מיר אַנטקעגן אומגעריכט
אַ צעפֿינקלטער
אויג אויף אויג,
מיט שורות פֿול מיט ליכט,
און לאָזט מיך ניט פֿאַרבײַגיין
אָן אַ טיפֿן פֿאַרנויג.

קבֿרים פֿון חבֿרים

כ׳האָב אײַך היינט געזען, קבֿרים פֿון חבֿרים,
דורכן אָפֿענעם פֿענצטער פֿון מײַן נײַעם פֿרי-מאָרגן.
מיט געבויגענער עניוות האָב איך געמאַכט עטלעכע שפּאַן
צו אײַערע גראָזיקע פּנימער —
זונזייגערס, וואָס ווײַזן
איבערגעשראָקענע צײַט.
כ׳האָב געדענקט אײַער פֿרייד.
די פֿונקען געלעכטער און די שטילערע שעהען;
אײַערע לעבעדיקע הענט
און די ווערטער וואָס זענען געוועזן פֿײַערפֿליגן.

דעם טרויער האָט איר געטראָגן
אויף אַלע שפּאַצירן
און פֿאַר די פֿרויען איז עס געוואָרן
צײַטיק געלעכטער
אויף זייערע פֿריידיקע הענגלטרויבן.
וויפֿל מער טריט האָב איך שוין געמאַכט?
כ׳האָב זיי ניט געמאָסטן.
אָבער כ׳האָב געלעבט אָן גדלות,
תּמיד געדענקט אײַערע איבערגעשראָקענע שעהען
און געזאָגט צו זיך:
זײַ נישט אַזוי פֿאַרריסן.
זאָל דײַן געלעכטער זײַן שטיל.
זאָלן דײַנע יאָרן זײַן קליינע לאַמטערנס.

צו אַ חבֿר וואָס איז אַוועק

איינס

אַז דו ביסט אַוועק אַ לאַכנדיקער
מיט אַ וואָרט שפּיל אין מויל,
האָסטו פֿאַר מיר פֿאַרמענטשלעכט דעם טויט.
האָסט זיך אים אַזוי שטאַרק אָנפֿאַרטרויט,
זיך געגראַמט מיט אים פּשוט, בדחניש,
ווי אַ גראַם אַ צונזעריקער,
און אָפּגעווישט פֿון אים דעם גזלנישן גרויל.
ער איז געוואָרן אַ צווישנאונדזעריקער.
אַ בריק.
אָט מאַך איך עטלעכע שפּאַן צו דיר
און שפּאַציר דערווײַל
אַ פֿאַרמוחטער צוריק.
נאָר ווייסן ווייס איך,
אַז האָסט נישט געגרײַזט,
וואָס דו האָסט שוין אין גאַנצן אַריבערגעשפּרײַזט.
לייען איך דײַן איבערלאָז,
שטרעק זיך אויס אויפֿן גראָז
פֿון דײַן וואָרט און פֿאַרחידושט
טראַכט איך —
האָסט זיך קיין מאָל ניט אויסגעיִידישט
אַפֿילו אויף קיין איין מינוט.
מיר אַלע פֿראַנטעווען מיט דער וועלט.
נאָר דו האָסט געהאַט מוט
צו זיצן אין דלת-אמות פֿון דײַן געצעלט,
באַטליתט און באַתּפֿילינט,
יִידיש-פֿאַרעקשנט און יִידיש-פֿאַרווילנט.

אויף יענער זײַט בריק
שרעקט מיך נאָך אַ ביסל
אַ משונהדיקער בוים אַ פֿאַרדאַרטער,
אַ רוף
פֿון אַן איינציקן טרויעריקן פֿויגל.

ביסט אַ גערולדיקער וואַרטער.
אַז כ׳וועל אַנלויפֿן ווי אַ מאָל
אין קאַנאַדע,
ווייס איך, אַז וועסט וואַרטן אוודאי
מיט אַ גרייט גלײַכוואָרט אויפֿן חשבון פֿון אַלטן טויט
און געבן די הענט אַ שטרעק מיט קראַפֿט
און זיך באַרימען און ווײַזן,
ווי דו האָסט שוין אין אים אַרײַנגעבלאָזן
אַ פֿונק יונגשאַפֿט
אין דער קורצער צײַט,
זינט דו האָסט אונדז פֿאַרלאָזן.

צוויי

נישט דערדאַוונט דײַנע רייד, אָפּגעפּרעפּלט.
דעם פֿולן מיין זייערן נישט דערטיפֿט.
געטרעפּלט צו דיר, נישט דערקלעטערט.
דעם גאָלדפֿאַרגאַנג פֿאַרשפּעטערט.
ס׳האָבן טונקעלע טײַטשן אויסגעטריפֿט.
איצט קיניגט די נאַכט איבער דײַנע ביינער.
ס׳גרוילט דער פּחד פֿון דײַן וואָרט.
קיינער פֿון דיר איז נישט אַליינער
אויף דעם ברייטן, וויסטן הייליק־אָרט.

די ערד גיט אײַך

די ערד גיט אײַך פֿון איר פֿרײַנדשאַפֿט
און פֿעטקייט,
אָבער אויך דער ערדס גלעטקייט
ווערט שטייניקער.
דער חלום רוט מיט בענקשאַפֿט
אויף אײַערע ביינער
און פֿון אײַך ווערט פֿאַרגענגלעכער, ווייניקער.
וואָס א יאָרצײַט
ווערט איר אַלץ אַליינער.

ניט ווײַט איז שוין פֿון אײַך
אונדזער פֿאַרבלייכטע געדענקשאַפֿט,
אָט קומט זי נעענטער.
אָבער אין געצאַנקטע פֿאַרנאַכטן
זינגען אויף קעגן ניט-גערדאַכטן
אײַערע שורות — מאָנען,
———— דערמאָנען,
———— פֿאַרשעמען.

און ווען ס׳ווערט א מאָל פֿאַרוואָגלט דער שלאָף,
גיב איך זיך אַליין אַרוים א שטראָף
און כ׳לאָז מיר פֿאַרלייענען
אײַערע שוואַרץ געדעמטע נעמען.

אַ טויטער פּאָעט

אַ ייִד פֿון גאַס מיט אַ לאַמטערנדיקן שמייכל
און זוכנדיקן טראַט,
ווי זײַן פּנים וואָלט אים דורכגעפֿירט
דעם סכּנותדיקן גיהנום
פֿון שטאָט.
ער גייט פֿאַרבײַ און כ׳דערקען אים,
אָבער כ׳האָב מורא אים אויסצושטרעקן די האַנט.
כ׳האָב זיכער אים געקענט פֿון אונדזער זײַט וואַנט.

ער איז טרויעריק און אָפּגעשיידט.
ער פֿינקלט פֿאַרבײַ מיט אַ הויך פֿון קלוגע רייד.
איך האַלט זיך מיט די לעצטע כּוחות
בײַם פֿאַרענטש פֿון לעבן.
ער שפּאַנט מיט גיכע טריט אַוועק,
דרייט זיך אום און לאַכט אויס דעם שרעק
פֿון אַ ציטערדיקן מענטש.

און איך האָב אים אַזוי געוואָלט פֿרעגן,
צי געדענקט ער אויף זײַנע טויטע וועגן
די שטילע צוגעציטערטע גראַמען
פֿון זײַנע וואַכע נעכט;
מיט חבֿרים דעם שטענדיקן קריג,
ווער ס׳איז צום וואָרט גערעכט,
און צי הערט ער דאָרטן ווי זײַן נאָמען
פֿלאַטערט צווישן אונדז אין געדענקלעכן געוויג.

צו אַ געבוירן־טאָג

הײַנט ווייסן מיר שוין אַז די פֿעטע פֿליגן,
וואָס האָבן געזשומעט, געטענצלט בײַם אָפֿענעם מיסטקאַסטן
אויפֿן הויף,
זענען געווען אַנגעפּרעסענע שדים.
אַנטקעגן זיי האָבן קינדער זיך נישט
געקאָנט דערוואַשן
מיט אָפּגעגאָסענעם נעגל־וואַסער.
זיי האָבן געשפּילט מיט אונדזערע קליינע לעבנס,
און מיר זענען אײַנגעפֿאַלן,
זיך צעמאָזלט מיט אַלערליי היצן,
פֿלאַמען און אויסשלאָגן
און געגעבן יונגע טאַטע־מאַמע
די ערשטע זאָרגנעכט צוזאַמען.
גאַנצע נעכט האָבן זיי אונדז געקילט און געטראָגן,
געפֿאַלן מיט אונדז אין שווערן שלאָף.
און ביז אַ באָבע פֿון יענער־וועלט האָט זיך נישט מרחם געווען,
נישט געעפֿנט אַ לאַכעדיק, לעבעדיק טירל,
זענען מיר געווען פֿאַרבײַ.
(די קליינע לוויות, די אָפּגעכאַפּטע, ניט־באַלייטע,
נישט ווי מאָרד, נאָר קליינע זינלאָזע גניבֿות —
אַ קינדערבעטל, אַ וויגל איז געבליבן ליידיק.)

מיר האָבן אַזוי שפּילעוודיק געטרויט
יענע קינדערפֿליגן.
אונדזער לעבעדיקער אַלטער דור
איז דער צעקנייטשטער טריומף
איבער די שדישע קליינע טויט־טאַבעלעס.

יעקבֿ
גלאַטשטיין

די געשרומפּענע אָדערן, די פֿאַרקלעמטע הערצער,
די רײַפֿע חולאתן זענען אָנגעבלאָזן מיט אומבאַוואַכטן שרעק.
די קעפּ זענען אַלט און אַפֿילו געזונטערהייט
גיבן זיי אַ שאָקל.
ס׳איז דער שוואַכער יאָ אויפֿן זיכערן שנײַדיקן ניין.

אָ, זינגט נישט, אַז ס׳איז אַלץ אָקערשט
געווען — פֿאַרשוווּנדן.
זײַט נישט קיין צײַטזויפֿערס,
זעט נאָר דאָס ייִנגעלע דאָרטן אָ,
הינטערן שלאָס,
אויפֿן הויף,
און דריטהאַלבן גאָרן אויבן
יונגע טאַטע־מאַמע.
קאָנט איר ברענגען דאָס ייִנגעלע
לעבן דעם אָנגעטרויעריקטן ייִד?
אַז צווישן זיי שטרעקט זיך אַ שטומער לאַנגער בלאַנק.
ווען מען זאָל קאָנען
אין געדאַנק אָנזאָטלען אַ פֿערד
און דורכרײַטן דאָס צײַטפֿעלד,
וואָלט אַפֿילו דעם רײַטער נישט גענומען קיין רגע ווייניקער,
נאָר אַקוראַט פֿון יענעם דעמאָלט ביז הײַנט.
אַפֿילו ווען ער וואָלט אָן אָטעם
געריטן און געריטן.
און געגאַנגען איז מען דאָך פּאַמעלעך
און ווײַט,
אויפֿן וועג גאָרניט אויסגעמיטן —
אָנטקעגן אַזוי פֿיל צײַט און צײַט.

בײַם וואַלדיקן טויער

דער שומר בײַם וואַלדיקן טויער היט אַ גרויס עשירות.
ער איז ניט באַוואָפֿנט. ער שלאָפֿט.
זאָל זיך אַרײַננאַרן ווער עס וויל.
אײַנגעטונקלט דער וועג. פֿאַר דיר איז
אַלץ אָפֿן. דער אַרײַנדרינגער אומבאַשטראָפֿט.
שפּאַנסט אַליין פֿאַר זיך אין דער שטיל.
דער עיקר איז, וויפֿל פּחד דו קאָנסט פֿאַרטראָגן.
וויפֿל דאגות קאָנסט פֿאַריאָגן.

אָ, וועסט דאַרפֿן דײַן מוט. וואַלדיקע נאַכט איז שאַרף און צייניק.
אַלץ וואָס האָסט מיטגענומען אין וועג וועט זײַן ווייניק.
דאָס עסנוואַרג וועט אויסגיין, דער לאָגל וועט זײַן טרוקן.
דײַן בגד וועט צעפֿאַלן; געבויגן דײַן רוקן.
פֿאַרמעסט זיך ניט צום קאַמף, גיב אַפֿילו ניט דײַן האַנט אַ שטרעק.
באַשיץ בלויז דײַן מוח קעגן לעצטן געשרעק.

אַליין

דער געצונדענער טראַף פֿון וואָרט
דערבלאָנדזשעט דעם פּאָעט אָפֿט מאָל צו זעונג.
ער לייגט זיך אויס ווערטער ווי קאָרטן
און שפּאַצירט אַ פֿאַרבלענדטער
אין גאָרטן פֿון זײַן מאָרגן
מיט געזאַנג.
אַ מאָל איז ער דער שעפּער,
אָבער אָפֿטער דער טרעפּער,
וואָס לייגט זיך אויס
זײַן לעצטן גאַנג.

האָט ער עס פֿאַרויסגעזען, געוווּסט.
ס'ליגט אָפֿן דאָס בוך בײַם ליד
אויפֿן ריכטיקן אָרט.
דער גורל געבויט פֿון וואָרט,
דאָס שטיבל — פֿון ביכער.
אַלץ איז פּוסט.
ס'שיילט זיך דער סופֿיט
אין פֿאַרטונקלטן ווארשטאַט.
ס'נעצן זיך די ווענט.
בײַם אַלטן מײַסטער ציטערן די הענט.
ער איז מאַט.

דאָס איינציקע ווײַב,
אָפּגעשפּאָרט ווי אַ שטיק אַלט פּאַרמעגן,
שטאַרבט לאַנגזאַם
מיט ווילדן געלעכטער
און אַ ביטערן שעלט.
דער פּאָעט איז נישט אין כּעס
און לייענט זײַן אויפֿגעמישט בילד
און וויינט.
ווי אַ געשמידטער וועכטער
אין אַ פּראָסטיקער קעלט
זיצט ער. ער האָט זי ליב ביז משוגעת.

ער האַלט די האַנט פֿון זײַן ווײַב.
ער האָט ליב דאָס אויסגעלאָשענע לײַב
און טײַטשט אַרײַן צערטלעכקייט
אין פֿאַרלאָשענעם פֿאַרשטאַנד.
און כאָטש ער האָט עס אַליין געשריבן
און ס'איז אים באַקאַנט דער שרעק,
איז פֿאַר אים אַ וווּנדער
דער אַנטפּלעק פֿון ליבשאַפֿט
צו דער שטאַרבנדיקער האַנט.

דער טרייסט־עול

דער טרייסט־עול ליגט פּילפּאַך היינט
אויף די פּלייצעס פֿון די פֿריינד.
איובֿ רעדט שוין גאָרניט.
ער באַגעגנט אונדז שטום מיט טיפֿן פֿאַרנויג
און וויינט מיט אַן אויסגעקרימטן
און פֿאַרטרערט אויג.
ס׳שווייגט דער האַרבער פֿרעגער.
מיר זאָלבן זיין לייב,
מיר הייבן אים אַנטקעגן שלעגער
וואָס טשאַטעוועט באַהאַלטן
אויף יעדער איינעם פֿון אונדז.
אין טרייסט־עיגול.
אין פֿאַרהויכטן שפּיגל
זעען מיר אונדזערע פֿאַרליימיקטע געשטאַלטן.

מיר שפּייזן אים מיט מטעמים
פֿון זיין צעבוימלטן נאָמען
אין קליינע טעפּעלעך, אָבער ער וויל נאָך
(בלויז דאָס מויל פֿון זיין גייסט איז אָפֿן)
און נאָך און נאָך.

אונדזערע רייד ווערן אַן דאָס חשיבֿות פֿון רעדן.
מיר הערן זייער געפּלאַטער
ווי דורך פֿאַלשע לויזע ציין.
דאָס קליינע ווייב שעלט נישט,
זי ברעכט אוים אין אַ שטיל געוויין.
פֿאַר איר האָבן מיר אוודאי נישט קיין טרייסט,
זי ווייסט ניט און פֿאַרשטייט ניט
דעם יאָך פֿון איר מעת־לעתיקן אומגליק.

אַ פֿאַבל אָן מאָראַל

אַ קאָמאַר וואָס זינגט איידער ער בײַסט
איז אַ ליריקער.
אָבער אַ פֿלוי וואָס קיצלט פֿאַרן בים
איז אַ סאַטיריקער.
האָט אַ פֿלוי מיר דערלאַנגט קיצלדיק
אין טאַטנס טאַטן
און מיר אונטערגעטראָגן אַזאַ מין אולטימאַטן:

פֿאַרפֿאַלן, איר וועט פֿאַרלירן,
אויב איר וועט מיט אונדז אינזעקטן
נים קאָעקזיסטירן.
איר זענט נישטיק אין צאָל אַנטקעגן
אונדזערע פֿלי־יאָנען, קריכיאָנען, שפּרינגיאָנען
אויף אַלע שטעגן און וועגן.
אומזיסט אײַער אָנשטרענג, אײַער מי,
אונדז צו פֿאַרטיליקן מיט די־די־טי.
מיר ווערן זיך מיט מערן.
קעגן אײַער פּיפּיקן געדאַנק
האָבן מיר גיפֿט, בים, געשטאַנק.
מיט אַלע אײַערע אינטעלעקטן
וועלן אײַך באַזיגן די אינזעקטן.

עפּנט אויף אײַערע בעטן, פּריוועטן, טואַלעטן,
מיר קומען מיט אונדזער קריך און פֿלי
פֿון די ווײַטסטע ווײַטן,
פֿון נאָענטסטן דאָ הי.

יעקב גלאַטשטיין

אונדזער מינדסטער נאַר
איז באַוואָפֿנט מיט ראַדאַר,
מיר האָבן געבוירענעם ריטעם, באַלאַנס,
איר האָט נישט דעם מינדסטן שאַנס.

אויפֿן פֿעלד פֿון קריג
פֿאַלן וועט אײַער שטאַרקסטער פֿון אַ גיפֿטיקער פֿליג.
דאָס קלענסטע פֿליִענדיקע מאָטאָרל
טראָגט אײַך אונטער אַ מכּהלע, אַ בלאָטערל.
רעדט אײַך נים אײַן, אַז איר, די פֿאַרשטייִיקער,
וועט אונדז איבערקליגן.
מיר זענען פֿאַרביקער, אַלערלייִיקער פֿון אײַך.
מיר וועלן אײַך באַזיגן.

מיר די שוויבל-גריבל-וווערעמלעך
און מולטיקאָליריקע פֿליגן.

צווייִ בערגלעך

די מאַמע פֿון אַלץ וואָס לעבט איז געשטאָרבן.
זי באַקלאָגט זיך ניט.
ווײַל אַלץ וואָס לעבט נעמט זי מיט.
דאָס איז דער סוד פֿון סוף.
גיין צו דער מאַמען איז נישט קיין שטראָף.

דער גאַנצער טרויעריקער געצאַנק
האָט אַ פּלעמל געטאָן מיט אַ שמייכל
און מיר אויסגעשטרעקט די פֿאַרפֿינגערטע האַנט מיט אַ דאַנק.
— האָסט אַ מצווה פֿאַרדינט.
דאָס איז העכער פֿון ביקור־חולים.
ס'איז ביקור־טויט, בעת ער גרינט
ווי אַ יונג ביימל; איז גוט וואָס דער אָפּשייד
האָט נאָך אַ מויל און רייד.

מאָרגן אָדער איבער מאָרגן וועל איך ליגן
לעבן דער מאַמען.
אַ קרעכץ האָט אים אויף אַ רגע פֿאַרשטאַמלט.

— אײַנגעזאַמלט.
דאָס מיינט מקבל זײַן מיט ליבשאַפֿט,
ניט געקלאָגט,
אַפֿילו מיט לויב,
דעם גראָזיקן אייביק,
דעם צעשטויב
פֿון מײַן גאַנצן פֿעסטן כאַראַקטער,
מישטיינס געזאָגט.

ער האָט מײַן האַנט געגעבן אַ בייניקן דריק.
— דאָס הייסט קומען קריק
בשלום, מיט גוטסקייט, ניט צעקריגט.
ליגן לעבן דער מאַמען הייסט זײַן
אײַנגעוויגט.
כ'האָב מער קיין כּוח ניט צו טראַכטן שווער,
קיין באַגער ניטאָ אַפֿילו
פֿאַר דעם לעצטן וואַקלענדיקן טראָט
צו גאָט.

— מײַנע מחשבֿות ווי פֿון פֿײַערפֿליגן דער צינד
אַ גלי און חושכדיקער פֿאַרשווינד.
ס'וואַרט אויף מיר באַשערט
וואַרעמע הייליקייט,
הייליקע ערד.
ווי קאָן אַ מענטש זײַן אַזוי פֿאַרדאָרבן,
קאַרגן אָפּצוגעבן זײַן לעבן,
ווען זײַן אייגענע מאַמע איז געשטאָרבן?
אָט איז דיר אַ צוועק אין טויט.
שטאַרבן פֿאַר דער מאַמעס טויט.

— צוויי קליינע בערגלעך, אַ ליכטיקער זכות.
קענסט עס גוט פֿאַרשטיין.
דערבאַרעמדיקער גאָט.
לעצטע וויטאָגן פֿײַניקן
דעם אומגעדולדיקן הויט־און־ביין.
אַלעמען מײַן גרוס.
להתראות!
דו און דו און דו.

אײַנגעזאַמלט אין דערוואָרבענער רו.

אַ בת־קול

ער האָט זיך אויף דעם ליבן־נאָמען ניט אָנגעשפּאַרט,
זיך אויף אים ניט פֿאַרלאָזט, ניט געוואַרט.
ער האָט זיך פֿון אים דערווײַטערט,
טאָג־טעגלעך געבלאָנדזשעט אַליין,
זיך געלײַטערט.
ער האָט ניט געגלייבט אין שׂכר,
געטאָן גוטס אָן אַ באַלוין דערפֿאַר.

ניט באַשווערט האָט ער דעם ליבן־נאָמען
מיט זײַנע פּרעפּלדיקע פֿאַרלאַנגען.
ער איז געוואָרן אַ פֿויגל,
וואָס זײַנע געזאַנגען
זענען פֿאַרן טאָג און פֿאַר דער צווײַג.
געזוכט האָט ער שפּײַז
אין שוויים פֿון דער פֿרײַ
און ניט אין אַ צוגעגרייטער פֿאַרנאַכטיקער שטײַג.

ער האָט זיך געעלטערט,
געלעבט אויף קרישקעדיקער חכמה
פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות.
זײַן ברייטהאַרציקע טיר איז געווען אָפֿן,
אָבער מענטשן האָבן געווײַכט פֿון דעם אַפּיקורס.
אַפֿילו אין די רגעס פֿאַרן טויט
האָט ער ניט געקענט אויסטראַכטן
קיין תּפֿילה און קיין לויבן.

נאָר אַז זײַן נשמה איז אַרויף אויבן,
האָט ער דערשפּירט אַ ליכטיקן באַריר.
אַ בת־קול האָט אויסגערופֿן:
לאָזט אַרײַן דאָס ווידערשפּעניקע קינד מײַנס
דורך אַ פּאַראַדנער טיר.

יעקבֿ
גלאַטשטיין

אַ ייִדענע מיט אַ שווער געמיט

כ׳בין אַ ייִדענע מיט אַ שווער געמיט.
כ׳הייב נישט אָן צו פֿאַרשטיין דעם ייִד.
ער איז טאַקע תּמיד געווען אַ פּאַוואָליער,
אַ שלימזל, אַ לאָ־יוצלח,
אָבער כּל־זמן ער איז נאָך נישט געווען
דער באַרימטער הערשעלע אָסטראָפּאָליער,
האָט ער אַכטונג געגעבן אויף אונדזערע פּיצלעך,
געזעסן אין דער היים,
מיט מיר אויך אַ מאָל געמאַכט אַ שפּאַס.
איצט שענקט ער עס אַלץ אַוועק דער גאַס.
מיט מיר איז ער פֿאַרזויערט, פֿאַרטרויערט,
מיט מיר האַלט ער זיך אין גרויסן.
אַלע שפּיצלעך, אַלע וויצן
טראָגט ער אַוועק אין דרויסן.
ער קאָן אין שטוב נישט אײַנזיצן,
ס׳ציט אים אַרוים, ס׳ציט.

כ׳קאָן נישט פֿאַרשטיין דעם ייִד.
כ׳בין אַ ייִדענע מיט אַ שווער געמיט.

אַנומלט האָב איך אים געזען אויפֿן מאַרק.
ווײַ, ווײַ, אַ גאַנצער יאַטעבידאַם.
אַרום איז פֿריילעך, אַ טאַראַראַם.
הערשעלע! הערשעלע!
ער דרשנט, ער זינגט, ער זאָגט,
ער לאַכט, ער מאַכט העוויות,
ס׳קאָנען אים אַפֿילו די פֿערד, די קי, ס׳גײַעם.
ער גיט אַ כאַפּ אַ שיקסע —

זי קווועלט, זי איז זיך מחיה.
אַט איז ער אויף איר,
ממש ער דערשטיקט זי.
ער קריכט מיט די הענט.
איך בין אַ מבֿין,
כ׳זע, דער גאַנצער מאַנספּאַרשוין ברענט.
הערשעלע! הערשעלע!
הערשעלע איז אַרויס פֿון שטײַג.
פֿאַרן אייגענעם ווײַב האָט עס אַ פֿײַג.
אין שטוב שרומפּט ער אײַן,
איז פֿרום און אָפּגעהיט.

כ׳הייב נישט אָן צו פֿאַרשטיין דעם ייִד.
איך בין אַ ייִדענע מיט אַ שווער געמיט.

זענען אַלע גרויסע לײַט אַזוי?
איז דאָס די מאָדע?
דעם טאַלאַנט, די פֿרייד גיט מען יענעם,
דער גדול מאַכט זיך כּלא־ידע,
אַז אין שטוב איז אַ גיהנום,
דעם ווײַב איז וויי און אוי.
דער מאַנצביל גייט אויף, בליט.

כ׳הייב נישט אָן צו פֿאַרשטיין מײַן ייִד.
כ׳בין אַ ייִדענע מיט אַ שווער געמיט.

פֿון אַ חבֿר וואָס איז אַוועק

דעם אָנדענק פֿון י. י. סיגאַל

איינס

אָפּנאָפּלען זיך פֿון טויט איז שווערער נאָך פֿון נײַ־געבויר,
פֿאַרגאָסן, פֿאַרליימיקט מיט טרויער
אין אַוועקגעשראָקענער אָפּזונדערונג,
בליט אַ האַרץ מיט אויף־ס׳נײַיִקער פֿאַרוווּנדערונג.
ס׳קומען דיר צו נוץ אָפּגעשפּאָרטע פֿאַרמעגנס
פֿאַר דעם לאַנגן אונטער וועגנס
און וואַנדער
פֿון אַ פּײַנלעכן איבעראַנדערש.
אַוודאי זענען דאָס מצוות פֿון טוּונג און טראַכטן,
זיי האַרטעווען דאָס גאָלד פֿון דײַן אייביק האַרץ.
ס׳פּולסירט מיט געדענקען און פֿאַרגעסן
דורך די זילבערנע פֿאַרנאַכטן
פֿון אומגעציילטע מעת־לעתן.

נישט די הספּדים וואָס שפּילן אויף
אייגענע דערשרעקן,
נישט זיי האָבן דעם כּוח צו דערוועקן
פֿון לעצטן פֿאַרזיגל.
ס׳ליגט אַן אײַנגעשרומפּענער חבֿר אין זײַן טויטן־וויגל.
ער האָט גאָרנישט פֿאַרלוירן.
מיט וויפֿל טירן און טויערן מען זאָל אים נישט אָפּשליסן,
קאָן אים מער גאָרנישט פֿאַרדריסן.
אַז אַלץ איז גאַנץ מיט אים.
קיינער וועט דעם גראָטעסקן אוצר זײַנעם נישט רירן.
ס׳ליגט לעבן אים אַ קליין פּעקל אומבאַוואַכט —
דער מישמאַש פֿון אָנגעלערנט,
אָנגעזען, אָנגעלעבט און אָנגעטראַכט.

דער ערשטער סימן פֿון נײַ-געבויר
איז דאָס געעפֿנטע אויער,
וואָס דערהערט דעם פֿאַרבענק
פֿון אַ חבֿר,
זײַנס אַ וואָרט פֿון געדענק.
דאָס איז דער כּוח וואָס גיט דעם לעצטן ריס,
וואָס דערמאָנט דיך אַרויס פֿון פֿאַרגעסעניש.
הייבסט אָן קריגן נײַע חושים ווי פֿליגל.
הערסטו דעם לעבעדיקן חבֿרס קול,
ווערסטו אויסגעלייזט פֿון טויטן-וויגל.

צוויי

בייגט איבער מיר אײַער געבענטשטן עלנט,
קליינע טאַטע-מאַמע.
איר האָט זיך דערוואָרט
דורך אַזוי פֿיל אָפּגעציטערטע תּפֿילות
וואָס האָבן באַוואַכט
מײַן פֿאַרחלשט לעבן.
אײַער שטילע רו
ליגט אומבאַרירט
ווי אַ געדעקטער טיש.
די מידע, הונגעריקע הענט
פֿון טאַטן דעם איש-תּמים
שטרעקן זיך צום זונס קיצור-ימים.
די פֿאַרהאַרעוועטע מאַמע זינגט
און טאַנצט מיר אַנטקעגן.

אָ, בייגט איבער מיר אײַערע פֿרומע שאָטנס.
מאַכט מיר קלאָר דאָס לשון פֿון טויט.
זעט, ווי כ'האָב אײַך צוריקגעבראַכט
אַלץ וואָס איר האָט מיר אָנפֿאַרטרויט.

דרײַ

לאָמיר זיך דורכטראַכטן, חבֿר מײַנער.
איך בין דיר נאָך נישט בכּוח
סודות צו אַנטפּלעקן,
לאָמיר קודם פֿאַרטרײַבן די דינע שרעקן
צווישן לעבעדיקע און טויטע יאָרן.
איך קאָן דיר נישט אַרויסגעבן
דעם סוד פֿון פּראָטאָפּלאַזם,
אָבער געדענק, זײַ נישט מגזם
דאָס לעבן
און נישט דײַן נאָמען,
ווי איך האָב איבערגעטריבן,
און כּסדר אָנגעקליבן קווערטלעך ביטערקייט,
ווי מען קלויבט ווילדע שוואָמען.

לעבסט און ווערסט געלעבט,
ווײַל ווערסט כּסדר געשיצט
דורך אַ גרויסער ירושה,
וואָס ליגט אײַנגעקריצט
ווי אַ זכות אין דײַן משפּחה-קרײַז.
מען האָט דיך נישט געשיקט נאָך אַ באַווײַז,
נאָר נאָך אַ שטיקל צוגאָב-אייגנס.
און ווייסן זאָלסטו, אַז דאָס פֿאַרמעגנס
פֿון ציטערדיקע טאַטע-מאַמע
אויף יענער וועלט און אויף ד ע ר
איז מער טרויער ווי פֿרייד.
זיי וואַרטן אויף אַ טרייסטדימענטל, אַ טרער.
ברענג זיי אַ מתּנה דײַנס אַ טוונג
וואָס איז מיט דיר געקניפּט און געבונדן.

שענער און האַפּטיקער פֿון שענסטן וואָלקן
אויפֿן פֿײַערדיקסטן הימל
איז אַ גוט בלײַבעוודיק וואָרט.

נעם אַרונטער די היַטלעך פֿון דיַינע אויגן.
לאָז זיך נישט פֿאַרפֿירן,
זע דעם נישט-געשטויגן,
די פֿאַרגעצונג פֿון לופֿט, רויך און קאָלירן.
לערן זיך אוים צו באַשטענדיקן דיַין שיינקייט
נישט מיט געטראַכטע מיראַזשן.
פֿאַראַן אויף דיַין וועלט גענוג מיראַזשן פֿון אמת
וואָס קענען פֿאַרוויַילן,
אַלע דיַינע מצוות און עבֿירות בענטש
מיט גוטסקייט צום מענטש.
בייזע מצוות קענען אויך ווערן
גיפֿטיקע פֿיַילן.

פֿיר

נישט אויף דעם אָפּגעהאַקטן לעבן מיַינס,
טרויער, חבֿר מיַינער,
נאָר אויף מיַין פּשוט וואָרט
וואָס איז געוואָרן איבערגעשלאָגן.
איך האָב עס שוין כּמעט געקענט זאָגן.
נישט נאָר אין לידער, נאָר אַפֿילו אין רייד.

איך האָב שוין אָט-אָט געקענט רעדן צו מיַין וויַיב.
איך האָב אויפֿגעהערט פֿון הויז צו וויַיכן.
איך האָב דערזען די קינדער מיַינע
אָן בילדערישע פֿאַרגליַיכן,
מיט אויגן פֿון אַ טאַטן.
און געוואָלט האָב איך איר זאָגן
רייד וואָס ווערן דערזעעוודיק און לויכטן:
אָט זענען מירביידע דאָ
אין דעם נעכטן דעם אויפֿגעטויכטן,
שטיל און פֿינצטער און נאַקעט און אָפּגעזונדערט.

אַלע מײַנע באַהאַלטענישן האָסטו אויסגעדולדיקט.
איך בין דיר דורכגערונען
דורך דײַנע געטרײַע הענט;
איצטער ערשט האָב איך זיך אויפֿגעקליבן
צווישן אונדזערע פֿיר ווענט.
כ׳קום דיר זאָגן אַ כּדאיִק וואָרט
פֿאַר אַלע מאָל,
אַן אָפּצאָל, אַ באַלוין.

איך האָב זי אַרומגענומען
און מײַן דערשטוין
האָט אָפּגעהאַקט דאָס וואָרט אויף די ליפּן.

כ׳האָב דערזען מײַנע קינדער
נישט ווי ביכער מיט גאָלדגעליישטע טאָוולען,
נאָר אומרואיקע, אומגעלומפּערטע זוכערס פֿון יונגער פֿרייד.
חבֿר מײַנער, זאָל זיך שטאַרקן דײַן טרויער און דײַן אָבֿלען.
ווי, איך האָב געזען זייער גאַנג צום משופּעדיקן באַרג.
כ׳בין זיי נאָכגעלאָפֿן ווי אַ טאַטע.
מיט אַ פֿול מויל עצות און אַ ניטעדיקן רוף.
אָבער אויך דער שרײַ
איז אײַנגעטויבט געוואָרן אין טונקלעניש.

פֿינף

בין איך געגאַנגען זוכן, זוכן, זוכן.
טריט פֿון נײַגער, טריט פֿון ספֿיקות.
טריט פֿון גלויבן.
אויף אַ פֿאַרדאַרטן בוים
הענגען געקוואַרטע, ווילדע טרויבן.
איך האָב געקלעטערט.
איך האָב געקלעטערט. איך האָב ווייטאָגדיק געקלעטערט.
איך האָב געציטערט.

די נאַכט־טאָגן זענען לאַנג,
זייער שיינקייט ביטערט,
זייער שיינקייט ביטערט,
גליווערט דאָס האַרץ מיט געבעט.

מײַן גאָט, דעם סוד פֿון דײַן צעפֿלייצטער, צעשטראַלטער גבֿורה,
פֿון דײַן קליינער צוגעשפּאַרטער גוטסקייט,
אַנטפּלעק, מײַן גאָט,
עפֿן די אויגן פֿון אַ טויטן ייִדישן פּאָעט.
מײַן גאָט.
איך האָב געקלעטערט.

איך האָב דערזען אַן ענגן חדר,
אין דעם חדר אַ שווערער טונקל,
און אין טונקל מיט מתיקות
איין אַליין
האָט זיך געזונגען אַ געוויין
און האָט געטרייסט,
פֿאַרענטפֿערט און פֿאַרגלעט
אַלע ספֿיקות, אַלע גלויבנס, אַלע לויבנס
פֿון אַ טויטן ייִדישן פּאָעט.

איך בין געפֿאַלן אויפֿן פּנים.
איך האָב גאָרנישט געזען.
מײַן גאָט, איך האָב גאָרנישט געזען.
איך האָב גאָרנישט, גאָרנישט געזען.
מײַן גאָט, איך האָב געקלעטערט איינער אַליין.
געלאָפֿן פֿון ווידערקול, פֿון מתיקותדיקן געוויין.

אַ גראַמענקראַנץ צום יערטאָג

אָן אַ וואָרט אָנצוזאָגן,
מיט קלוגע טריט, די הענט פֿאַרלייגט
אויפֿן ריכטיקן אָרט,
אַז דער גאַנג זאָל זיך נישט צעיאָגן,
גייט מיר נאָך דער זיידע אַבֿרהם.
כ׳דריי זיך אום, ער רופֿט מיך מיט דער האַנט.
איך פֿאַרנעם זיך באַרג אַרויף.
אָבער ווי פֿאַמעלעך ער שפּאַנט ניט,
ווי אויף אַ שפּאַציר,
מיט זײַנע שפּאַצירענע טריט,
קומט ער תּמיד אוים אָטעמענדיק
וואָרעם אויף מיר,
אויף מײַן דערשראָקענעם לויף.

— ס׳איז פֿאַרן געזונט, זיידע,
האָב נישט קיין פֿאַראיבל.
ס׳עסן מײַנם איך פֿאַרדריבל.
שלעכטע פֿאַרדייונג,
כ׳פֿאַרברען נישט.
דאָס דאַרפֿן אַזוי זינגען כּל עצמותי
קאָליסטעניש.

דער זיידע קוועלט.
— נו, אַ לויפֿער ביסטו טאַקע געוואָרן אַ בריה.
אָבער דײַן פּאָס איז סײַ ווי אויסגעשטעלט.
מיר האָבן שוין פֿאַר דיר געמאַכט די בוכהאַלטעריע.
אַ יאָרל אַראָפּ, אַ חודש אַרויף.
מ׳עט דיך פּאַקן אין מיטן לויף.

זעץ איך זיך שוין אַוועק.
זיצן מיר אַזוי אויפֿן גראָז ביידע,
איך און דער זיידע.

כ׳קוק אים אָן, טויט איז ער שוין
שײנע עטלעכע יאָר
און נישט געביטן זיך אויף אַ האָר,
אַפֿילו נישט אין דער באָרד.

ס׳איז מיר חידושן זיך פֿאַרשפּאָרט.
— נישט צו פֿאַרזינדיקן, מע גיט גוטע קעסט.
מע טרינקט, מע עסט.
פֿעטע צדיקים מאָנען זייער שׂכר.
זיי אַכלען עולם־הבא פֿון טאָפּ,
זויפֿן פֿון פֿאַס, זשליאָקען
טיי — פֿון זודיקן סאַמאָוואַר.
דאָס סאַרווערײַ איז ערשטע קלאַס.
איך בין זיך אַ מיטליידעלע,
קיין מאָל נישט געווען קיין עסער קיין גרויסער.
פֿאַר מײַן ביסל דאַווענען קריג איך אָפּ
די והותר.

כ׳שווײַג אַ ווײַל, לאָז דעם זיידן
אַלץ אויסדערציילן, ריידן.
כ׳וואַרט. כ׳וויל פֿון אים הערן
דאָס רעכטע געדעכטע,
דאָס גוטע, אָבער טאַקע אויך דאָס שלעכטע.
ער האַלט אַלץ אין איין לויבן.
— מ׳קריגט דאָרט אויבן צום טיש
דאָס פֿײַנע ביסעלע אָקעוויט,
גיט ער אַ ווינק,
ווי ער וואָלט מיר שוין געוואָלט מאַכן
אַפּעטיט.

— זאָג נאָר, זיידע, שלאָג איך אים איבער
די נײַן מאָס התפּעלות,
אויסגעהערט דעם גאַנצן צעטל
מיט די גוואַלדיקע מעלות.

מ׳עסט, מ׳פֿרעסט, מ׳טרינקט, מ׳זויפֿט.
נו גוט, האָסט מיר פֿאַרקויפֿט.
אָבער זאָג מיר דעם אמת, איז טאַקע דאָרט עפּעס פֿאַראַנען?

— נו, אַז נישט, וועסטו זיך נישט רירן פֿון דאַנען?
וועסט נישט אָננעמען די פֿאַרבעטונג?
וועסט אפֿשר שיקן אַ שליח פֿאַר דײַן פֿאַרטרעטונג?
ער טרייסלט זיך אַזש פֿון געלעכטער.
— נו, האָסט דאָך מיר געשטעלט אַ קשיא,
צי ס׳איז דאָרט פֿאַראַן עפּעס אויבן.
איז טאָמער מיינסטו, מע וועט דיר טאַקע אַלץ —
אַ זאַשע!

פֿאַראַן דאָרט גענוג צו גלייבן
פֿאַר יעדער איינעם,
יעדער דערגלייבט זיך לויט זײַנע כּוחות.
ס׳ווענדט זיך ווי גרויס דער מוח איז.
אָבער פֿאָרט ווערט דאָרטן אַלעמען
אַ ביסל ליכטיק.
מ׳דערזעט ערשט ריכטיק,
וואָס פֿאַר אַ בהמות
מ׳איז דאָ מיט דער גאַנצער
פֿיזיקע־מיזיקע.
אַרויסגעוואָרפֿן, אומזיסט!
די אַלע פֿילאָזאָפֿן האָבן מיטן פֿינגער געטראָפֿן
אַקוראַט אין מיסט.
זיי הייבן נישט אָן קענען קיין בראשית־עבֿרי,
פֿרעג זיי בחרם וואָס איז היה,
וואָס איז נבֿרא.

— ס׳איז דאָ, איַ איז דאָ,
אויבן איז אַפֿילו ס׳נישט־ווויסן
גלויבן.

יעדער ווענד, יעדער קער איז
וויכטיקער, באַטעמטער און ליכטיקער
ווי אַלע דײַנע לערעס.

— דאַרפֿסט זען, ווי ס׳דרייט זיך דאָרטן אַרום
עלנט, געבויגן און שטום
בן־גוריונס בן יחיד שפּינאָזע:
אַן אין־ערגעץ־ניט־אָנגעהעריקער,
אַ ניט־אַהין־ניט־אַהעריקער.
ער האָט אויבן אָנגעוווירן די גאַנצע טעאָלאָגישע העזה.
ער זעט דאָך שוין, דער פּאַנטעיִסט,
אַז אַלץ איז געווען אויסגעטראַכט, אומזיסט,
און נישט אַלץ שטעקט
אין אינטעלעקט.
קלײַבט ער נעבעך זײַנע אייגענע
חכמדיקע אַקסיאָמען
און וואַרפֿט זיי אין די הימלישע תהומען.
ער ווערט אויפֿגעגעסן פֿון פּאַרדרוס.
יעדער אַקסיאָמע האָט אויבן די ווערט
פֿון אַלטגעבאַקענעם שטות.

דער זיידע קײַכט פֿון געלעכטער.
און בעת איך ווער נתפּעל,
ווי קומט צו אַזאַ פּשוטן ייִד
ווי ר׳ אַבֿרהם גאָלדשמיד
אַזאַ פּראַזעלאָגיע
מיט אַזאַ גענאַשטער טערמינאָלאָגיע,
זאָגט ער: אַ חכמה אַ גרויסע, עט...

ער גיט מיר איבערן קאָפּ אַ גלעט.
מיר הייבן זיך ביידע פּלוצעם אויף,
און כאַטש כ׳פֿאַרהאַלט אים
און דעם וועג כ׳פֿאַרשטעל אים,
ווערט דער זיידע נעלם.

שרעק

איר אײַנגעעלטערטע יונגשאַפֿט ווי אַ קראַנק הינטל
ליגט איר געטרײַ און פֿויל
בײַ די פֿים.
דער שפּיגל דינט איר,
זי איז נאָך אַלץ נישט מיאוס,
נאָר איר שרעק איז שווידערקאַלט.
לעבן איר דרימלט דער יונגער טויט,
אָבער אויך ער ווערט אַלט.

די פֿייגל ציטערן הײַנט
מיט פֿאַרקדענקטן געזאַנג.
דער פֿרילינג האַרבסטיקט
די הויט מיט אונטערגאַנג.
דער יונגער טויט
שלאָפֿט מער ניט גאַלאַנט.
זי האָרכט.
ער קרעכצט, ער שנאָרכט
און לאָזט נישט אָפּ
איר קאַלטע האַנט.

אויפֿן באַרג

מיר ביידע אַליין אויפֿן באַרג,
די מחיצה פֿון פֿײַערראָד
איז פֿאַרלאָשן, ס׳גליט דאָס אַש
פֿון דײַן גענאָד
ווי אַ פֿאָטערלעך אויג.

כ׳האָב קיין מאָל קיין צײַט נישט געהאַט
דיך אָפּצופֿרעגן
מיט אײַנגעשפּאַנטער שליחות
אויף די האַרבע וועגן.
איך בין תּמיד געווען דײַן קנעכט.

איצטער פֿאַלט דײַן גזר אויף מיר
מיט צדק, מיט גערעכט,
ווי יונגער רעגן אויפֿן נבֿו.
פֿון דאָרן־פֿײַער
זילבערט זיך אַ דינער רויך.
ס׳איז דער טרויער מײַנער נאָענט אַזוי,
און כ׳שפּיר אויף מײַן טויטן פּנים
ווי אַ קוש
זײַן וואַרעמען הויך.

2-טע סעריע.

דאָס טירל פֿון אַ חָלום.

דאָס טירל פֿון אַ חלום

ווי קליין דאָס טירל פֿון אַ חלום,
שײַנען תּמיד דורך טאַטע־מאַמע
ווי אַ לעבעדיק וואַנטבילד פֿון ליבשאַפֿט.
כ׳עלטער זיך צו זיי מיט זיכערע טריט.
אונדזערע נאַכטיקע הערצער זענען שטיל.
די מײַלער געשלאָסן מיט אַ שמייכל.

שוין באַלד דורכגעפֿירט דעם זון דורך אַלע סכּנות.
אָט־אָט פֿאַרזאָרגט ביזן לעצטן טראָט
מיט ברויט און בעט און אַ מאָגער געדעכעניש.
דאָס ביסל באַשערטע גוטס אויסגעבעטן.
דער גוף געשלאָגן ביז אַ מאָס,
דער קאָפּ קיל מיט פֿאַרנאַכטיקער פֿאַרשטאַנדיקייט.

די עטלעכע ביימער וואָס כ׳האָב זייערע נעמען
קיין מאָל ניט געהערט
לאָזן זיך דערקענען דורכן פֿענצטער מיט זייער שטאָלצן צעבלי.
די נאַכט שאָטנט זיך אויף אַ קליין נחתדיק לעמפּל.
אַ זילבערן פּלאַטערל טאַנצט אַרײַן אין אונדזער צאַנקנדיק לעבן
צום ליכט פֿון אַ לעצטער רגע פֿון אַ חלום.

גראָז

שטיל און קליין און יונג,
זוכט שוץ פֿון רעגנדיקע בײַטשן
די האַנט וואָס עפֿנט די טיר.
דער אָטעם פֿון לעבן איז צוגעשימלט.
דער טיש איז אַרומגעדרימלט.
די לופֿט פֿאַרדאַוונט
מיט נאַכטיקע טײַטשן.

דאָס אומזיכערע הויז שווימט ווי אַ תּיבֿה.
ס׳קאָן מער קיינער נישט לויפֿן דערפֿון.
געראַטעוועט זענען מיר ביידע —
טאַטע און זון.
די האַנט איז יונג און ווייסט נישט פֿון טויט,
אויפֿן טאַטנס אַקסל
ליגט זי פֿאַרטרויט.

וועסט זיך קיין מאָל נישט דערעלטערן צו מיר
מיט דײַנע דינע יאָרן,
זאָגט שטיל דער טאַטע ווי פֿון שלאָף.
זײַנע רייד זענען אָן שאָטנס פֿון שטראָף.
דײַן שולד איז אַ קליינע
באַהאַלטענע ווונד געוואָרן.
שטעל זיך נישט צווישן מיר און מײַן קול.
באַזונדערע וועגן פֿאַר אונדז ביידע.

גיי צוריק מיט דײַן אייגענעם עול.
באַלד וועלן זיך צעקרייען טויטע הענער.

זאָלסט אַפֿילו קלויבן די טעג ווי שפּענער,
וועל איך דיך מער ניט פֿירן צו דער עקידה.
דײַנע נסיונות וועלן שוין זײַן
אייגן דערוואָרבן.
לען זיך מער נישט אָן אויף מיר.
אַליין מוזסטו ווערן עמעצנס קרבן.

די שטוב איז ווי כ׳האָב זי געלאָזן,
דורך די פֿענצטער זע איך די גראָזן
פֿון מײַנע קראַנקע טעג.
צו דער לאַנקע פֿירט
דער פֿאַרמיסטיקטער וועג.
בין איך אַהער חלילה זיך געקומען לאָדן?
מאַכן פֿון שולד גערעכט
אין מײַן טיפֿן פֿאַרשעם?
אויף דער וואַנט הענגט נאָך די קליינע רעם
פֿאַר מײַנע דערשראָקענע נעכט.

אַרום קעמערל

דער שטומער אַרויסהעלפֿער שלאָפֿט
אין מײַן מחיה־מתים־קעמערל,
אויסגעטריקנט ס׳לעצטע וואָרט פֿון עמערל.

שוין באַלד אויסגעזזונגען מײַנע אַלע יִדישע ווערטער.
דאָס גאַנצע מתיקות זייערס באַטעמט,
פֿאַרנומען די פֿריידן און געוויינען
און אַלע חנען אויסגעגראַמט.

איך אַליין זיץ אין גאָרטן אָפּגעזונדערט.
דער אַרויסהעלפֿער שלאָפֿט אין קעמערל אַ פֿאַרשפּאַרטער.
די ליכטיקע פֿענצטער שווײַגן פֿאַרוווּנדערט.
דער גאַנצער טרויער־אוצר ליגט איצטער
אין אַ ווינקל אַ פֿאַרשאַרטער
ווי אַ פֿאַרגעלט געשריפֿטס.
וואָס איז ער אַנטקעגן איין גוטן יִדישן זיפֿץ?

די בלומען מיט די איבערגעקליגטע נעמען
זענען מיר פֿרעמד.
כ׳זיץ פֿאַרשעמט מיט די צוויי־דרײַ יִדישע בלומען
און אַ ביסל אייגענעם זאַלץ אין די טרערן.

כ׳וואָלט געמאָגט שווערן,
דער טאַטע וועט זיך באַלד
מיט אַ שבתדיקן דרימל דערקוויקן.
דאָס יִנגל וועט שפּאַצירן אַליין אויף דער לאַנקע,
גלעטן די גילדענע קעפּלעך פֿון די יִדישע בלומען
און וויסן, אַז אום שבת טאָר מען זיי ניט פֿליקן.

יעקבֿ גלאַטשטיין

די טיר

דאָס אומגעזעטיקטע ליכט אין די אויגן
וואַנדלט, זוכט, פֿאַרגיט,
און זוכט אַלץ נאָך פֿון יונגשאַפֿט
די וואַרעמע טריט.
אָבער די צוימען זענען שוין פֿעסטער
פֿון ווילן,
וואָס איז קלוג פֿאַרבאָרגן.
ס׳איז גרינג דערפֿאַר
אים איינצושטילן
און זיך נישט מאַכן צו נאַר.

איז אַ לויב דער פֿירנדיקער האַנט,
וואָס איז תּמיד צו מיר אויסגעשטרעקט
און האָט מיך דורכגעפֿירט
אַלע שטרויכלונגען, אַלע שלעכטסן.
זיץ איך איצטער אונטערן טייטלבוים
פֿון פֿאַרייִדישטן לעבן מײַנעם,
וואָס בליט שטיל און שמעקט
ווי דער יום-טובֿ פֿון ייִדישע געקעכטסן.

דאָס פֿאַרייִדישטע לעבן מײַנס
איז קליין און יונג צוריק
און אַרומגערינגלט
מיט לײַבלעכע, משפּחהדיקע נחתן
און פֿאַרדראָסן;
אָט הער איך די שעמעוודיקע טריט
פֿון טאַטע-מאַמע
אין צוויטן חדר וואָס איז פֿאַרשלאָסן.

כ׳הער די טונקל־לעמפּלדיקע רייד,
דעם צערטל פֿון אַלע אונדזערע פֿאַרזאָגן.
איך באַוואַך זיי
אין איינזאַמקייט פֿון פֿרייד —
אַלע ריינע פֿאַרבאָטן וואָס מיר פֿאַרמאָגן.
איך באַוואַך זיי
און וועל זיי קיין מאָל נישט פֿאַרשעמען.

ס׳פֿאַלט דער חלום שווער אויף די ברעמען.
ס׳באַפֿאַלט מיך אַן אײַנגעשלעפֿערטער שטאָלץ.
דאָס חדר עפֿנט זיך.
כ׳וויל אַרײַן.
דער ריח פֿון דער געעפֿנטער טיר
איז פֿריש האָלץ,
ווי גוטער וואַלדווײַן
קרעפֿטיקט עס די יונגע לונגען.

קום, קום אַרײַן צו אונדז.
הער איך טאָפּלט אויסגעזונגען.
ס׳שטרעקן זיך צו מיר באַשיצנדיקע הענט.
גיכער, אָט און די טיר
וועט זיך צוריק פֿאַרמאַכן.
מײַן דרימל האָט זיי דערקענט.
ער רײַסט די אויגן,
אָבער כ׳האָב מורא אויפֿצוואַכן.

שבת

כ׳האָב אַ מאָל ייִנגלווײַז געמאָסטן
מײַנעם אַ פֿאַרשווּעכטן שבת
ווי אַ וואָכנטאָג אַ פּראָסטן
אַנטקעגן מײַן טאַטנס שבת —
געהייליקט און אָפּגעהיט.
ס׳איז מיר נאָך דעמאָלט געווען קלאָר,
אַז מײַן שבת ווי אַ קורצער־פֿרײַטיק פֿאַרפֿליט.
דעם טאַטנס אַ שבת איז געווען געלעבטער פֿון מײַנס אַ יאָר.

ווײַל די שבת־רו זײַנע איז געווען אַ פֿולע לאַסט לעבן.
וויפֿל חילול כ׳האָב נישט אין מײַן שבת. אַרײַנגעגעבן,
איז דער טאָג אויף זײַן פֿאַרשווּעכונג פֿאַרפֿלויגן.
יעדער ייִנגלישער אָפּטו מײַנער האָט דעם שבת מקצר יום געווען.
מײַן טאַטע האָט אין אַן איינציקן שבת אַזוי פֿיל ליכטיקן תּענוג געזען,
געדאַוונט, געלערנט, געזונגען,
ליב געהאַט די מאַמע מיט פֿרישע אויגן.

כ׳בין אַ מאָל ייִנגלווײַז נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן
מײַן טאַטנס אַ שבת מיט אַלע זײַנע געבאָטן.
האָט מיך דער זינגענדיקער שבת־ייִד
מיט זײַן שטאַמיקער רו אײַנגעמידט,
מיט זײַנע פֿריידיקע מעשׂים, האַרציקע שטראָפֿן.

ביסלעכווײַז זענען מיר אָפּגענומען געוואָרן אַלע חושים.
כ׳בין אַוועקגעפֿאַלן און אײַנגעשלאָפֿן.
מיר האָט זיך געחלומט
אַ זילבערנער טרומייטער האָט פֿון זיך אַליין געמומען שאַלן.

דער טאַטע האָט גלײַך אויסגעטאָן אַלע פּרנסה־מלבושים.
דער שבת איז אויף אים
ווי אַ זײַדענער שלאַפֿראָק אַרױפֿגעפֿאַלן.

ווײַט פֿון מיר, אונטער אַ ברענענדיקער זון,
איז ער געזעסן און כ׳האָב צו אים אַהין
נישט געקענט דערגרייכן.
דער שבת איז געווען לאַנג ווי גאַנץ לובלין.
די זון איז נישט פֿאַרגאַנגען,
ביז דער טאַטע האָט נישט געגעבן
אַ זינגענדיקן צייכן.

און זאָג —

גיי אַרויס, פֿאַרשפּרייט עס און זאָג.
די הייליקייט פֿון שעפֿן דעם חבֿר
ביזן דנאָ פֿון זײַן נויט,
דערשפּירן זײַן שרעק אויף דײַן הויט,
איז מער ווי דער באַפֿרידיקטער ווונדער
פֿון אַ דרײַ מאָל געדאַווענטן טאָג.

מאַך פֿאַר זיך אַזאַ אַלטן סך־הכּל:
גיב אַוועק פֿון זיך אַלץ, לאָז זיך איבער מעשׂר.
פֿרומקייט דערקענט מען
אין דעם געשטילטן שהכּל
איבער דעם געבענטשטן צימצום
פֿון אַ קאַלטן טרונק וואַסער.

ווילסטו וויסן, וואָס אַ גוטער ייִד איז?
אין דורכציטער פֿון גראָזן
פֿאַרנעם דאָס לשון פֿון יחידות.
הער אין גראָזן־מורמל
דײַן בענקשאַפֿט נאָך דער מינדסטער מיצווה.
זאָל דיר פֿון די גרעסטע תּענוגים זײַן ליבער
דער פֿאַרחלשטער הונגער
צו ווערן דער אליהו
פֿאַר קליינע, טרויעריקע ייִדישע שטיבער.

קדושה

וואָס מיינט קדושה?
אומגעטרייסטער שטויב פֿון געשיכטע
אין די ביינער,
אָפּריכטן חצות איבער יעדער זײַטל,
לייענען מיט געוויין די געשעעניש־מצבֿות
אויף קבֿרים,
לאַנג פֿאַרגעבענע, פֿאַרגעסענע, אַפֿילו גערוים־טובֿטע.

וואָס מיינט קדושה?

נישט דער ווײַן־קידוש,
נאָר דער געהייליקטער צער
פֿון מאַן, פֿרוי און קינד,
וואָס זענען פֿאַרציגלט אין אויסגעפּוצטן יום־טובֿ.
נעם אַדאָפּטיר אַ פֿרעמד פֿאַרקנעכט קינד,
אַ פֿאַרגעסן שטיק אומגליק
פֿון אַלטער געשיכטע,
און לעב דערמיט אין דײַן הויזגעזינד.
זאָלן בײַ דײַן פּסחדיקן טיש
זיצן מצרים־ייִדן וואָס האָבן געזיפֿצט,
זאָל זיך די הגדה נישט זינגען אָנגעלענט.
ווי אַן עקר
אַדאָפּטיר אַ שטיק טויט אומגליק,
מאַך עס פֿאַר דײַן אייגן־געבוירן קינד
און מאַן, מאַן גערעכטיקייט.
זאָל זיך דיר דאַכטן, ס'איז אַ קאַנטאָניסטל,
אַוועקגעריסן פֿון טאַטע־מאַמע,

וואָס דו האָסט נאָך נישט באַרעכטיקט
ווי אָפּגעשעענע געשיכטע.

וואָס איז קדושה?

ווי אַ געטרײַער טרעגער טראָגן די לאַסט
פֿון אַ לאַנג פֿאַרגעסענעם אומגליקבלאַט.
אויפֿשווידערן מיטן געזאַנג פֿון גרויסן סדום,
וואָס מאַכט ימים־טובֿים פֿון רישעות.

אַפּשפּאַר

מיט וויפל האַרטע הויטן
ס׳זענען שוין אַרומגעוואָרנט די ווונדן,
מיט וויפל פּאַרקנס
די געשטרעקטע פּעלדער פון אייגענע טויטן,
ווערן די ווייטאָגן אַלץ אויפגעבונדן
און די צאַמען אָוועקגעשווענקט.
דער צער אונדזערער ווערט אומזיסטיקט,
באַמיסטיקט, גראָב צוגעדענקט
מיט דעם פּאַרגעסנקייט פון שלעכטע יאָרן.

מיר ווערן פּאַרקלעמט אין אַ וועלט
פון אַלערליי דערפּונדענע פּלעדערשרעקן.
וואָס זשע ווילן מיר דערוועקן?
וואָס גייט אונדז אַזוי עקשנותדיק צו געדענקען?
וואָס פּאַר אַ זאָגן ווילן מיר דורכטראָגן
און טייער פּאַרהוילן זייער שׂכל
דורך אַזוי פּיל פּאַרחרובטע וואָרן?
וואָס ווילן מיר באַהאַלטן, אַפּשפּאַרן, פּאַרהאָבן?
וואָסערע מגילות ווילן מיר באַגראָבן?

דעם סוד פון קליינעם פּייער,
פון שטילן ביסל ליכט;
דעם אומגעריכט פון ערשטן מענטשלעכן געטרוי,
דעם טוי פון אַ קינדערשן שמייכל.

אַ ייִד פֿון שולהויף

איך, אַ ייִד פֿון און אַרום שולהויף,
בין, ביז די יאָרן פֿון צער,
געגאַנגען באַרג אַרויף
מיט אַלע מײַנע שטרויכלען
ווי אַ נאַר
און קעגן אַלע פֿאַרבאָטן.
ס'האָבן מיך באַגלייט —
פֿון די נאָענטע די גוטע פֿרייד,
פֿון די פֿרעמדע די שפּאָטן.
איך האָב אַלעמען געגריסט,
צו אַלעמען זיך געווענדט.
כ'האָב יעדער איינציק פּנים דערקענט.

נאָך די יאָרן פֿון אומברענג
האָב איך מײַן קלעטער פֿאַרהאַלטן,
אַרומגערינגלט האָבן מיך די מתים
און ענג געמאַכט מײַן גאַנג.
די קלאָגן און גוואַלדן
האָבן פֿאַרטייבט מײַן געזאַנג.
כ'בין אַראָפּ פֿון ניט-דערקלעטערטן באַרג
און כ'ווייס נישט וועמעס לוחות כ'האָב צעבראָכן,
נאָר פֿון דעמאָלט אָן
פֿאַרשטערט זענען מיר געוואָרן
די שבתים ווי די טעג פֿון אין דער וואָכן;
און דער עגל-המון איז מיר געוואָרן פֿרעמד,
זייער טאַנץ און זייער פֿרייד
האָבן מײַן ווייטיק פֿאַרשעמט.

אַ זון

אַ זון פֿון מיליאָנען,
וועמעס לעבן איז זיי
אויסגעפּײַניקט געוואָרן,
האָט אַ רעכט צו מאָנען,
האָט אַ רעכט אויף זײַן צאָרן,
אַזוי לאַנג ווי ער וועט לעבן.
אָ, ווער נישט פֿאַרצלמט, מײַן פֿאָלק,
מיט ווייכן פֿאַרגעבן.

יעדער דריטער ייִד איז פֿאַרטיליקט.
אפֿשר דו, אפֿשר איך, אפֿשר ער.
ווער האָט אויפֿגעהערט באַוויינען?
ווער האָט דער ערשטער
אָפּגעווישט די טרער?
ס'האָט אונדז צוזאַמענגעקלאַגט
אַ גרוים געוויין.
די יעגערס פֿון דער וועלט
קאָנען אונדזער יאָמער ניט פֿאַרשטיין.

זיי וואָס גייען מיט ביקסן און לאַנגע מעסערס
זענען די גרינגע פֿאַרגעסערס.
ס'איז אַ טייל פֿון זייער אמונה —
זיי דאַרפֿן עס אויף חיונה.
מיר וואָס לעבן אויף בענקען
נאָך יעקבֿס אות און יעקבֿס קול
וועלן טראָגן דעם עול
פֿון אַבֿילות און אייביקן געדענקען.

גאָטס דאָרן

ווער ס'זאָגט, אַז אויף אונדזערע קדושים
האָט זיך אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן,
איז אַ לעסטערער און פֿאַרשוועכער.
כ'האָב געקענט גאָטס פֿלאַקערדיק פֿאָלק
גאָטס וווּנדערלעכן דאָרן,
וואָס האָט געשטאָכן די אויגן
פֿון פֿעלקער־פֿאַרברעכער.
געברענט האָט דער דאָרן
און געוואָרן פֿאַרברענט.

בלאָנדזשעט משה.
אַלץ איז פֿאַרוויסט, פֿאַרלענדט,
צעשטערט און פֿאַרשוויגן.
ער הערט
גאָטס וויינענדיק קול פֿון די הויכן.
אוי־ווי געשריגן,
פֿאַרלאָשענער דאָרן,
מײַנע הייליקע רויכן.

קינות אויף די נשמות פֿון יִדישע שטעט

איינס

נשמות פֿון יִדישע שטעט,
באַהאַלטן אין די פֿאַרמעטן פֿון אייביקייט.
וועלן זיי אויפֿשטיין פֿון טאָל פֿון טויט?
וועט אויף זיי אַ בלאָז טאָן די זוּנג פֿון לעבן?
נאָר דו, מײַן גאָט, ווייסט ווי שטאַרק זיי זענען געווען.
ווײַל דו האָסט זיי געבוים מיט דײַן פֿאַרשטאַנדיקער גבֿורה.
נאָר דו, מײַן גאָט, האָסט געוווּסט
ווי שוואַך זיי זענען געווען,
איידער זיי זענען אַוועק מיטן רויך.

צוויי

דו האָסט נישט געשיצט די יִדישע שטעט,
זיי נישט פֿאַרפֿעסטיקט,
זענען זיי ווי הייליקע אותיות
אָפּגעשפּרונגען פֿון לעבן.
איצט הענגען פּסולע נעמען
אויף בײַשטידלען פֿון וויסטע וועגן.
אַלע גרעניצן פֿון דײַן וועלט זענען טמא.

דרײַ

קומען די נשמות פֿון יִדישע שטעט
וויינען פֿאַרן כּסא־הכּבֿוד.
גאָט ברוך־הוא,
זע ווי גרינטלעך חרובֿ מיר זענען.
דו האָסט אונדז באַשאַפֿן אין דײַן געשטאַלט.

איצט איז דײַן װעלט אַ שטיק גוף,
אַ דומם.
װי גען־גלעקער קלינגען איצטער
די נעמען פֿון שטעט —
װאַרשע, װילנע, כעלעם, לובלין.

פֿיר

אין טאָג װען כ׳װעל בױען מײַן הױז,
אויב פֿאַרגעסן װעל איך אין די ייִדישע שטעט,
זאָל פֿאַרשטומט װערן מײַן צונג,
פֿאַרטרױיעריקט װערן די בױערישע האַנט.
זאָל סײַ װי פֿאַרשטומט װערן מײַן צונג
און פֿאַרטרױיעריקט װערן די האַנט װאָס בױט
גאָטס הױז אױפֿן באַרג,
אױף אַ פֿונדאַמענט פֿון אַזױ פֿיל פֿאַרגעסעניש.

פֿינף

פֿאַרװאָגלט דער שלאָף.
דער ניט־דרימלער און ניט־שלאָפֿער
לאָזט זיך פֿאַרלייענען די געשטאָרבענע נעמען
פֿון הייליקע ייִדישע שטעט.
שמעקט דער זעמלמעל פֿון זייער ייִדישקייט.
ס׳גייט אױף אַ רחמים
װאָס האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון דער גאַנצער װעלט.
ס׳װײנען טױזנטער טױטע קינדער שירה.

זעקס

דאָס קינדישסטע, גלייביקסטע פֿאָלק,
מיט דעם בלוט פֿון ייִדישע שטעט
אין די אָדערן,
האָט אין די שרעק־חלומות
פֿון זײַן שווערסטן גלות,
קיין מאָל נישט מורא געהאַט
פֿאַר אַזוי פֿיל שווידער,
וויפֿל די אַרומרינגלענדיקע וועלט
האָט אים אָנטקעגנגעטראָגן.
ווי אַ דערשראָקענע טויב
האָט עס געשטרעקט דעם האַלדז צום שעכטער.
הייליק, דרײַ מאָל הייליק.
דאָס שוואַכסטע קינד צווישן פֿעלקער,
מיט דעם בלוט פֿון ייִדישע שטעט אין די אָדערן.

זיבן

הייליק די וועלט, איידער זי צעלעסטערט דיך
און צעשטויבט דײַן קיניגרײַך.
בלאָז צוריק אַרויף אויף איר
דאָס אַש פֿון ייִדישע שטעט־געדעכענישן.
די רו פֿון איין אָפּגעהיטן שבת,
דעם אַראָמאַט פֿון איין אויסגעבאַקענעם
ייִדישן יום־טובֿ.
זע, מיט וויפֿל זעלנערשן כּוח,
ס'שטייט אויף אַנטקעגן דיר
אַ ניט־ייִדישע וועלט
מיט אַ געפּאַנצערטן, געשטרעקטן אָרעם.

אַכט

אָן פֿליש, אָן ביינער, בלויז גײַסט,
זאָג נבֿיאות, בן־אָדם, אויב דו קאָנסט,
אין טאָל פֿון אומברענג,
אַז אויך דאָס רוחניות
וועט אויפֿשטיין פֿון צוזאַמענגעקלאַגטן אַש;
ס׳וועט געגנענען געזאַנג צו געזאַנג,
רויך צו רויך, בענקשאַפֿט צו בענקשאַפֿט,
היילִיקייט צו היילִיקייט,
און ס׳וועלן צוריק אויפֿשטיין
ייִדישע שטעט,
אין טאָל פֿון אַזוי פֿיל
טויט־שאָטנדיקן חורבן.
זאָג נבֿיאות, זאָג נבֿיאות, זאָג נבֿיאות
ביזן לעצטן אָטעם דײַנעם,
אויב דו קאָנסט.

נײַן

פֿארוואָגלטער רוצח, זײַ וויסן,
דו האָסט געבראַכט אויף דער וועלט דײַנער,
אויף אַלע אייביקייטן,
די קללה פֿון אַ טויט הארץ.
טרויעריקער מערדער,
האָסט אויסגעוואָרצלט ביימער, שטאַמען,
אויסגעפּליקט משפּחות, נעמען,
אָפּגעמעקט געדעכענישן,
פֿארמינערט דאָס געזאַנג פֿון דער וועלט.

צען

רעד זיך נישט איַין,
אַז דאָס קען געשענקט ווערן.
רעד זיך נישט איַין
אַז אין שענסטן אַרויפֿבוי
קאָן דאָס שלעכטס פֿאַרגעסן ווערן.
זע ווי ס'פּנים פֿון דער וועלט
איז שוין צעקרימט און מאַלפּעדיק,
הער ווי מ'פֿאַרשטייט שוין מער נישט
איינער דעם אַנדערנס לשון.
האָרך ווי מע בויט
אַלץ העכער און העכער
דעם טורעם פֿון חורבן.
קוק זיך איַין און זע,
צי האָט דאָס פּנים פֿון דער וועלט
איין שטריך פֿון ווייך ייִדישקייט.
לייען די ביכער און שטוין
ווי אויסגעמעקט ס'זענען
אַלע אותיות פֿון רחמים,
אַלע אותיות פֿון ספֿר.

הימלער־מוזיק

דער אָנפֿלי פֿון ווײַס־שוואַרצע ביינדלעך טרויער
בענטשט די ווערגנדיקע פֿינגער מיט באַרוטן ציטער.
אַראָפּ אין טאָל,
צו די טיפֿן פֿון ווייטאָג,
קײַקלט זיך אַ געניטער עול
און איז פֿאַרבײַ.
ס'איז וויסטער בלײַ
פֿון מענטשלעכן געשמידטן גורל,
פֿון זײַן בלוט־און־פֿלייש־געוויסן.
ניט מער זיך אַליין געשמיסן.
די קייטן פֿון דורות פֿאַלן.
באַפֿרײַט.

דאָס קינד פֿון אורטרויער וויינט און קײַט
דעם בלוטיקן פֿאַנג מיט געזאַנג.
אין רשות פֿון זײַן צירקל
ווערן פֿאַראייינט
ווילדער ברום און מילדער טירקל.
נאָבעלער האָניק פֿאַרגיסט זײַנע גלידער.
ער שלעפּט זיגעריש בעטהאָווענען בײַ די האָר,
ביז ער ווערט מיד און מידער
און באַשלאָפֿט זיך מיט אַן אייגענעם
מוזיקאַלישן צער.
פֿאַרוואָר.
ס'איז ניט קיין חרטה, נאָר דערהייבונג
איבערן קרבן דעם נאָר.

די לעבנגעבליבענע

דער טאָג פֿון טויטן ווידערשטאַנד, אבֿילות, קלאָגן
איז אויך דער יום-טובֿ פֿון לײַב,
מיט יסורים דורכגעקנאָטן:
פֿאַרקנעכט, געטראָטן,
געפּײַניקט, געשלאָגן,
פֿאַרשעמט, פֿאַרשטומט.
ווי האָט איר דאָס געקאָנט פֿאַרטראָגן
און ניט אַרויסקומען מאַראַליש פֿאַרמומט?

מיט אײַערע געזעענע און באַהאַלטענע
סימנים אָן אַ צאָל
זענט איר אַ גרעסערער נס
ווי אין דעם יחזקאל-טאָל.
וואָס פֿאַר אַ ייִדישער כּוח
אין אײַערע אויפֿגעגאַנגענע ביינער?
ניט נאָר הויט צו הויט, ביין צו ביין,
לײַב צו לײַב,
נאָר מענטש צו מענטש, מאַן צו ווײַב,
דורך פֿרייד און געוויין,
דורך צער אײַנגעשטעלטן.
ס׳מורמלען לעבעדיקע ווינטן
אַרום אויף־ס׳נײַיִקע הויזגעזינדן,
אויפֿגעשלאָגענע געצעלטן.

און איר האָט מיך פֿון דער גרויסער שטאָט
אויסגעשריבן — אַ געדונגענעם זאָגער און באַקלאָגער,
צווישן אײַערע ליכטיקע בלוי-ווײַסע רייד
איז מײַן וואָרט געוועזן הויל און פֿינצטער.

כ'האָב געטונקלט צווישן אײַך,
דער איבריקסטער און מינדסטער.

שטאָט זיך שווערן, אַז אײַערע יסורים
זענען מיר אייגן,
האָב איך באַדאַרפֿט
צו יעדן פֿון אײַך שטיל צוגיין,
זיך מיט ערפֿאָרכט פֿאַרנייגן.

בלויז קול

כ׳וועל פֿאַר דיר ווערן בלויז קול,
אַז ס׳זאָלן דיך נישט שרעקן די שטילע ביינער מײַנע
אין טאָל פֿון אַש און פֿאַרברענונג.
די רייד מײַנע וועלן קומען צו דיר
מיט פֿריידיקער דערקענונג,
אויפֿגעוועקט און אויפֿגעזונגען.
דער זשאַווערדיקער גלאָק פֿון צײַט
האָט זיי נישט פֿאַרקלונגען,
נישט זייער ניגון, נישט זייער טראָפּ.

אָן־גופֿיק די רייד,
אָבער אַרײַנגעטאָן אין זיי
אַלץ וואָס מעקט זיך קיין מאָל נישט אָפּ,
ווי דו געדענקסט מיך.
הער זיך אײַן אין קול.
פֿון געקייטלטער בענקשאַפֿט איז די פֿרייד.
פֿון געסנאָפּעטע פֿלאַמען
די בענקשאַפֿט פֿון שטאַמען —
זייער פֿרייד, זייער פֿרייד.

פֿאַרברענטער יש

אויב פֿאַרברענטער יש קאָן לאַכן,
האָט מיך דורכגענומען זײַן טרויעריקער שפּאָט,
אַ געבאָט, ווי אַ פֿאַרסמטע פֿײַל האָט מיך געטראָפֿן,
מײַן אײַטלדיק געאײַל פֿאַרשעמט
און אין אַ ביטערן גליווער מיך אײַנגעקלעמט.

וואָס האָט איר געמיינט, איר וועט זייען מיט געזאַנג?
איר וואָס האָט זיך געראַטעוועט פֿון חורבן-רויך?
די טרויעריקע גאולות, דערגרייכטע און דורכגעפֿאַלענע,
וועלן אײַך פּלאָגן אַ לעבן לאַנג,
יאָר נאָך יאָר.
ס׳איז נישט קיין טויטע נקמה, נאָר אָנגעצייכנטע וואָר.

אָט נעם זיך אַליין: דער באַזונדערער קליינער אָפּמעק
פֿון דײַן שטאָם, איז עס דען געוואָרן
די צעשאָסענע ירושה, דער שטענדיקער דערשרעק
פֿון דײַן לעבן?
דײַן רום האָט זיך ווי וואָלוועלער ווײַן געקעלטערט.
קיין זאַך האָט דיך אַזוי נישט גרוי געמאַכט
ווי דײַנע אייגענע מעשים, וואָס האָבן דיך געעלטערט.
אָנגעפּרעסן מיט נחתן און דאגות,
צוגעפּאַסט צום אייגענעם לײַב און העמד,
האָסטו אונדזערע ילולות און טויטן פֿאַרשעמט.

אַוודאי פֿאַרגין איך דיר די עטלעכע לעבעדיקע קאַרטאָפֿליעס,
די סמעטענע און ברויטן,
דאָס בראָטפֿלייש, די שאַרפֿע פֿלאַש,
דעם פֿעטן שוים.

ס׳גייט אין טראָגן אויף די פּלייצעס
אַן אייביקן זאַק מיט אַש
און אים איבערענטפערן צו אוראייניקלעך,
ווי שווער ס׳זאָל נישט זײַן דאָס אַש פון אַן אייגענעם בוים.

וואַרפט פּאָליטישע קאָרטן, פּאַרזאַמלט אײַערע חכמים,
פרעגט עצות אַפילו בײַ מכשפות,
האַלט פּלאַמיקע רעדעס, מאַכט מיט די הענט,
זוכט פּאַרטלען, געפינט מיטלען,
טוט אָן מעשענע היטלען,
לויפט לעשן די אונטערגעלייגטע
שוואַרצע, רויטע, געלע נאַציאָנאַלע שׂרפות —
אײַער טורעמוועלט ברענט.
איר קענט מער איינער דעם אַנדערן ניט געטרויען.

ווי האָט איר גאָר געקענט מיינען, אַז מ׳קאָן גלײַך בויען
אויף אַן אַש־פונדאַמענט
פון אַזאַ רציחה־אַקטיוון פּאַרלענד?

אַבֿלים

מיר זענען אַ פֿאָלק פֿון אַבֿלים,
ס'האָט אונדז שוין כמעט אַלץ געטראָפֿן.
דאָס צעקרימטע פּנים פֿון צלם
מיט אַלע זײַנע פּעכיקע באַפֿעלן
שרעקט אונדז מער נישט.

אײַער אײגענער פּחד
פֿאַר אײַער שװעל איצטער ברענט
מיט נאָך נישט געבוירענע שטראָפֿן.
ערבֿ פֿאַרשלײַדערטן אונטערגאַנג
זענען די שמירשריפֿטן אויף די װענט
די לעצטע פֿינגער-צײכנס
פֿון משוגענעם אָראַנג-אוטאַנג.

ייִנגעלע

טײַער ייִדיש ייִנגעלע,
ביסט אַרוים מיט דײַן געלעכטער
פֿון אַלע פֿינצטערע סכּנות.
ס׳האָט די קויל דײַן פֿרייד
נישט געקאָנט דעריאָגן,
ווען אַ פֿרעמדער האָט דיך אויף די הענט געטראָגן
און ביידע זענט איר אַנטלאָפֿן פֿון שעכטער.

קליינער פּליט פֿון מײַן צײַט,
ליכטיקער יתום אונדזערער,
דאַרפֿן וואָלט איך דיך באַדאַרפֿט צושרײַבן
צו אונדזער הויזגעזינד,
דיך באַדינען,
וואַרטן יעדע רגע אויף דײַן באַפֿעל.
לערנען מיט דיר בלינדע אותיות, טראַפֿן,
און ווי גאָט דער גערעכטער
האָט די וועלט באַשאַפֿן.
און דו זאָלסט מיר שמײַסן אין פּנים
דײַן געלעכטער
פֿון די פֿאַרבלוטיקטע וועגן
און אַלץ אויסלאַכן, אַלץ אָפּפֿרעגן.

3-טע סעריע -

אָזמר

B.K.

גוט יום־טובֿ

אונדזער לאַנד האָט זיך צעבליט מיט צענדליקער זאָרגן,
אָבער די פֿענער פֿון פֿרייד פֿלאַטערן זיכער.
שלום, ייִדן,
אין לאַנד פֿון אייגענע דאגות.
וואָר ווי די זון איז די פֿרייד.
איז דאָס אונדזער יום־טובֿ,
ווײַל אויף אַן אײַזערנעם פֿונדאַמענט
איז געבויט דאָס שותּפֿותדיקע,
ברידערלעכע אָרעמקייט.
אין דער איצטיקער גרויסער שעה
הייב אָן מיט דעם —
זע, ס'איז דאָ.

וואַנדערפֿאָלק, וואונדערפֿאָלק,
ס'איז אפֿשר כּדאי געווען
דאָס צעשפּרייטקייט.
ס'האָט די גאולה געקלעטערט, געוואַנדערט,
אויסגעשפּרייט זיך, אַרומגענומען,
געלויכטן און געוואַרעמט;
איבער אַ פֿאָלק פֿון אַלטע, אומצאָליקע
תּשעה־באָבֿס זיך דערבאַרעמט.
ווער האָט זיך געריכט,
אַז ס'וועלן אונדז נאָך באַשערט זײַן
יונגע ימים־טובֿים.
אויף דעם אַלטן, געבויגענעם,
צעשלאָקסטן בוים
גרינט פֿאַרוואונדערט און ערשטיק
אַן אָנהייב — צען יאָר.

ווײַל טויזנט יאָר
ווערט אַלץ דאָס געשעענע זײַן לעגענדע
און ליכטיקער פֿון וואָר.

פֿון שטאַרקייט איז אַרויס זיסקייט.
פֿון סופֿיקייט איז אַרויס אַנהייב.
די ערשטע נישט-פֿאַרוויינטע יאָרן אונדזערע
וויינען פֿון פֿרייד.
נאָר אַלע טרערן זענען פּרוכפּערדיקע,
דערלייזטע, געטרייסטע.
פֿאַר אַלטע ייִדישע הערצער
אַ דערלאַבונג —
יונגע יאָרן ערשטיקע
ווי אַ תּורה אַן ערשט געגעבענע.

די פּרשות זענען אונדזערע,
היימישע, וואַרעמע, נאָר וואָס געשריבענע,
גרויסע, ליכטיקע אותיות פֿאַר אַלטע אויגן.
פֿאַרכטיק האָט געברענט דער באַרג,
פֿאַרכטיק האָט געברענט דאָס גאַנצע פֿאָלק,
דער באַרג איז געווען אַרומגעוויקלט
מיט רויכן.

דורך דונערן און בליצן,
דורך פֿײַערן פֿון פֿאַרטיליקונג
איז פֿון אַש געבוירן געוואָרן אַלף.

אַ פֿאָלק, איינגעטרויערט
פֿון קאָפּ ביז פֿיס אין געשיכטע,
האָט ווי אַ ייִנגעלע זוכה געווען
אויסצוזינגען דעם ערשטן קמץ־אַלף
און שרייַען אויף ס׳נייַ פֿון איין עק וועלט צום אַנדערן:
מיר וועלן טאָן און האָרכן.
ס׳וואַרעמען דעם צעווייטיקטן רוקן
פֿון אַן אַלט פֿאָלק
די ערשטע יאָרן
ווי אַ משׂא פֿון געזאַנג.

אַלע זאָרגן זענען געבוירן
פֿון דער פֿרייד פֿון ערשטקייט.
זיי זענען ברכהדיקע זאָרגן,
אייגענע, רעגן־געבענטשטע.
די דאגות זענען נישט געזיפֿצטע,
נאָר פֿאַרזאָרגערישע,
פֿאַרשריבענע אין דער יונגער תּורה.
דעם ייִדישן קרעכץ איז בייַגעקומען
די חדווה.
שווער פֿאַר אַ פֿאַרפּייַניקט פֿאָלק
מודה צו זייַן,
אָבער טו זיך אַליין אָן די ליב און זאָג:
ס׳זענען געווען ערשטע יאָרן,
נישט געברענטע, נאָר ליכטיקע צרות.
ס׳האָבן ייִדישע בשׂורות, נצחונות
געבלענדט ווי ניסים פֿון פֿאַרצייַטיקייט.

זעט ווי יונג דער ייִדישער הקדש איז
און מער נישט קראַנק,
נײַערט בלויז הייליק
אין זײַן גאַנצער, צונויפֿגעזאַמלטער ענגשאַפֿט.
די וואָגלערישע אבֿרים רוען, אָבער קרעכצן נישט.
און ציכטיק איז אונדזער
פֿאָלישדיקער, אָנגעוואָרפֿענער דלות.
ער איז נישט בעטלעריש,
נאָר מאָנענדיק
און דער בויער פֿון זײַן אייגענעם רחבֿות.
ווי שווער ס׳איז אונדז
צו באַנעמען פֿולע פֿרייד,
לאָמיר זיך צוגעוווינען
צו יאָרן פֿון נחת.
לאָמיר מודה זײַן —
די ערשטע יאָרן פֿון מתּן־מדינה
זענען יאָרן פֿון שׂמחה.

גוט יום־טובֿ ייִדן,
שלום, — אין לאַנד
פֿון אייגענע ווערטיקע
און האַפֿטיקע דאגות!

אַ זמר

אין ייִדישן פּאַרלאַמענט
ברענען ממש די ווענט.
מ׳לערנט אַ בלאַט גמרא,
מ׳אַמפּערט זיך איבער אַ שווערן תּוספות.
פּלוצעם — שאַ!
ס׳קומט אַרײַן אַ גוי
און זאָגט אויף גויִשק:
רבותי, ס׳איז אַ וועלט אַזאַ.

צעטיילן זיך די לערנערס גלײַך אויף פּאַרטייען
און נעמען מיט די פֿינגער דרייען:
וואָס האָט דער גוי געמיינט מיט זײַן זאָג
,אַ וועלט אַזאַ׳ — אוי אַ קלאָג.
אוי טאַטע זיסער, אַ וועלט אַזאַ!

זאָגט מען פֿון רעכטס:
ס׳מעג דעם גוי פּאַרדריסן,
אָבער מ׳דאַרף נעמען שיסן.
זאָגט מען פֿון צענטער:
אַ ביסל, מהיכא־תּיתי.
שרײַט מען גראָד פֿון לינקס:
מ׳דאַרף זיך לאָזן
און נישט ווערן קיין שיסערס קיין הייסע.

שרײַט דער גוי: שאַ,
ס׳איז אַ וועלט אַזאַ.
זינגען אַלע: אוי טאַטע זיסער, אַ וועלט אַזאַ.

צעבאָרוועסט אין געמיט

צעבאָרוועסט אין געמיט גייען מיר, אַ באַזונדערע מחנה,
צום לאַנד כּנען.
דער טאַטע פֿירט די קאָמאַנדע
מיט גוטסקייט צו שטיינער
וואָס גיבן נישט קיין פּרנסה.

גאָט פֿון אונדזערע אָבֿות,
מיר זענען געקומען איינגענעמען
ברייטע גיטער פֿון אָרעמטימער,
געקומען ירשענען באַשערטע קנאַפּקייט,
אָפּגעזאינדזלט פֿון דער גרויסער וועלט פֿון ווילטאָג.
אונדזער לאַנד, אונדזער צעפֿינקלט לאַנד,
אָן גאָלד, אָן דימענטן,
אָן תּקיפֿדיקן באַזיץ.

זאָלן שפּאַנען באַזונדער די טרויעריקע מאַנערס.
מיר וועלן בענטשן יעדער טרונק וואַסער
און אויפֿנעמען און זיך פֿאַרגינען
דעם באַגרים פֿון אַ טײַערן פֿויגל,
וואָס מיר האָבן אים שוין נישט געזען
פֿון יהושע בן נונס צײַטן.

דער טאַטע פֿירט ווײַטער די קאָמאַנדע
צום באַשערטן באַרג,
ווו מיר זענען מקבל די תּורה:
אָרעם און נאָענט זאָלט איר מיר זײַן
מיט אײַערע זאַקקליידער,
מיט אײַער גענוגשאַפֿט
און קלוגע אויגן פֿון אומגלוסט.

טרויעריקע מאַנערס

די טרויעריקע מאַנערס קומען.
מײַן באָרוועסער טאַטע איז שטום.
זיי שרײַען, די טרויעריקע מאַנערס.
דעם טאַטנס הענט זענען ליידיק און פֿרום.

גיט זיי גלײַך זעטיקע גרייטקייט.
פֿעסטע הײַזער מיט ניט-געלעכערטע דעכער.
אומבאַגרענעצטע ברייטקייט
מיט ברכות אַ פֿולן בעכער.
פֿעטקייט פֿון הימל און ערד.
באַשיצטע זיכערע ברויטן.
שלאָף פֿון שטאַרקע אומגעשטערט.

דער באָרוועסער טאַטע שטאַמלט.
רבונו-של-עולם,
וווּ נעמט מען עס אַלץ אויף באָרג?
דער ייִדישער גאָט פֿון דלות
וואָלקנט זײַנע הימלען מיט זאָרג.
ס׳וויינען מלאכים אויף פֿאַרדאגהטע האַרפֿן.
עמך ישׂראל, דײַן פֿאָלק
צריכים, זיי דאַרפֿן, זיי דאַרפֿן.

אין דער קליינער ראַם

דורך דער קליינער ראַם
פֿון לאַנד כּנען
ענגט זיך אַדורך די גרויסע וועלט.
די בודזשעטן שווינדלען פֿאַר די אויגן.
די פּאַטעטאַנען בליצן פֿאַרבײַ,
די נאַכטיקע דעקאָלטן זענען אויסגעבעטן
מיט צאַפּל.
דאָס באַלויכטענע וווּנדער־פֿידעלע
קוועציקט אַ סטרונע אויפֿן שפּיץ
פֿון דער דינסטער רגע.

מײַן באָרוועסער טאַטע
מיטן זאַק אויף די פּלייצעס
שפּאַנט דורך שמאָלע געסלעך,
ווײַט פֿון פֿרעמדן ליכט,
מיט פֿולן ייִדישן וואָרט אין מויל,
זינגט כּי טובֿ פֿאַר זיך,
און ס'גייט אויף דאָס ייִדישע וואָרט
אויף בײַנאַכטיקע פֿעלדער
ווי מורמלענדיקער גערשטן.

דער טאַטע זעצט זיך אויף אַ פֿינצטערער שוועל
און זאָגט סליחות.

מײַנע אָרעמגיטער

מײַנע אָרעמגיטער זענען בלױ מיט בלײ
און צעװינטלטער שפּע.
שכנים טײלן זיך מיט ברױט און מילך.
קינדער זאָגן מודה אַני
מיטן קול פֿון חדר.
אַ פֿױגל זינגט אַרײַן דעם סכום פֿון תּנכישן קלוגשאַפֿט
אין געצײלטע טרעלן.

דאָס קלײנע לאַנד װערט װאַרעמער
פֿון דער גאַנצער װעלט
מיט גאָטס פּנים.
קינדער װאַקסן אױס קינדער
אין דער צוגעטוליעטער ענגשאַפֿט.
דער חזיר איז שױן לאַנג אַנטלאָפֿן.
דאָס ציגעלע זינגט מיט אַ תּמימותדיקן מע
װי אין די פֿאַרדרימלטסטע װיגלידער.
דער שוחט װאַרפֿט אַװעק דעם בליציקן חלף.
דאָס ברױט פֿאַרשמעקט דאָס לאַנד
מיטן אַראָמאַט פֿון יום־טובֿדיקן דלות.
דער באָרװעסער טאַטע קװעלט אָן און זינגט.
אַ פֿולער הימל לאַמטערנס גיסט ליכט און פֿרידן
אויף שטײן און פֿעלד,
פֿאַרזילבערטע בהמות, קינדער אין די בעטן.

דער טאַטע־פֿאָטער,
גאָט פֿון ייִדישן דלות,
דריקט צו דאָס גאַנצע לאַנד צום האַרצן
און זאָגט קריאת־שמע.

דערהער ניט

דערהער ניט מײַן באַזונדער קול,
דערקען ניט דעם ניגון,
דערמאָן ניט דאָס ליד.
רוף מיך ניט, װעסט קײן ענטפֿער ניט קריגן,
מיר זענען אַלע ייִד.

היל מיך ניט אין טלית פֿון קדוש,
פֿאַרשװעך ניט מײַן נאָמען
מיט באַזונדער הײליקײט.
גײ מיר ניט אַנטקעגן
מיט יאָרצײַטקנױטן,
איך בין אַ פֿונק פֿון מיליאָנען טױטן.

דערקען מיך ניט אין גאַנג
מיט אַלע געבױגענע װאָלקנזײַלן,
זוך ניט הײַנט מײַן פּנים
מײַנע פֿאַרברענטע תּנועות.
רוף ניט — טאַטע, װעסט מיך פֿאַרשעמען.
מיר אײַלן דאָס לאַנד אײַנצונעמען
אין טאָג פֿון יום־טובֿ.

ווי גאַנץ

לאַנד פֿון מײַן גבֿורה און דויער,
ווי גאַנץ דו ביסט.
דאָס גאַנצסטע וואָס אונדזערע יאָרן
פֿון טרויער
און פֿאַרוואָרלאָזטן אומזיסט
האָבן באַקרעפֿטיקט.

פֿון דעם שימל פֿון דער גרויסער וועלט
אין אונדזערע ביינער,
האָסטו אַ בריק אויפֿגעשטעלט
און פֿון אַלע צעוואָרפֿענע
ייִדישע שטיינער
אַ מאָזאַיִק פֿון איין בויענדיקן ווילן.

די הענט פֿון די בויערס זענען דערפֿרייט,
ווײַל אַלע מעשׂים וואָס זענען געווען צעזייט
זענען איצטער גאַנץ.

ווי פֿינצטער דער האַלבנאַכט-טורעם,
אָבער יעדע רגע בליט פֿאַרבײַ
מיט אַ בליץ פֿון ליכט.
אַ פֿעסטע האַנט פֿאַרריכט
אָן אויפֿהער
די מערכה פֿון אַ פֿאָלק.

אין קלאַסישן כּוס איז געפֿאַלן די לעצטע טרער.
דער שומר פֿון דער נאַכט פֿרעגט:
ווו?
די זיכערע האַנט באַשיצט, ווײַזט אָן
אַ פֿינטל רו.

דער דור

ניט דור־המידבר, נאָר דור־המוות,
און מיט אַזוי פֿיל צער געשלאָגן,
די קליינע ערד האָט אונדז נאָך ניט באַזיגט.
וואָס קענען מיר ענטפֿערן, וואָס זאָגן,
ווען אונדזערע פֿאַרוואָגלטע אבֿרים זענען
צווישן זיך צעקריגט?

זיצן מיר בײַ אויפֿגעפּראַלטע טויערן פֿון פֿרייד,
און ווען דאָס שאַלן פֿון שופֿרות
נעמט זיך צו אונדזערע אויערן דערטראָגן,
שטרעקן אוים די ברידער־וועכטער
די הענט צו ניט־געטרייסטע וואָגלערס,
וואָס בלײַבן ליגן
אויף דער שטילער זײַט פֿון יונגן געלעכטער.

אַ יונגער ריטער

אַ יונגער נאַקעטער ריטער,
איז דאָס הייליקע וואָרט
מײַן געצעלט לאַנגזאַם פֿאַרבײַגעריטן.
פֿון פּאַנצער האָט געבליצט
מיט ווילדער אומפֿאַרשטענדלעכקייט
פֿון נײַע גרויסע בלוטיקע זיגן.
ס'האָט אין מײַן פֿענצטער אַ שמעק געטאָן
מיטן בלוט פֿון יונגן לייב,
וואָס איז נאָר וואָס ווי אַ ציקעלע
געוואָרן צעריסן.

כ'בין אָן אָטעם נאָכגעלאָפֿן
מיט מײַנע אויסגעווייִנטע פּירושים
און זיי אויפֿן נאַקעטן,
בלוטיקן וואָרט אַרויפֿגעוואָרפֿן
ווי שעמעוודיקע מלבושים.

נישט יחוסן

וועסט זיך מיט מיר נישט יחוסן, נישט אָנקערן,
ווען די זון וועט דורכשוואַרצן
די הויטן פֿון דײַנע קינדער.
ס׳וועט אויפֿשטיין פֿון דיר אַ ידען,
וואָס וועט אָפּמעקן די לעבנס און טויטן
פֿון גאַנצע קהילות.
ער וועט זיך שווערן,
דײַן אָפּשטאָם איז פֿון ריינע נאָמאַדן
און געזאַלצענע פֿאַרגעלטע מגילות.

און מיך, מיט מײַנע אײַנגעווייטיקטע טײַטשן,
פֿון אַלע ביטערע גזירות,
ביז צום לעצטן קאַפּיטל פֿון די דײַטשן,
וועט מען אײַנגעבן היסטאָרישן שלאָפֿגעטראַנק
און אַוועקשטעלן אין אַ פֿאַרשלאָסענער,
פֿאַרגעסענער שאַנק.

שפרינג ניט

ס׳שפרינגט זיך בעסער מיט געזאַנג.
אָבער שפּרינג ניט זינגענדיק אַריבער
געשיכטלעכע גריבער.
מײַד ניט אוים מאָנענדיקע בליקן
פֿון טרויעריקע צוריקן.

שפרינג ניט פֿאַרבײַ מיט אַ רוט,
לאָך ניט אין פּנים אייגן בלוט.
אָן אָפּשטעל, צוריק־פֿאָרוים, פֿאָרוים,
שפּיל ניט — משה גרוים.

קיביאַ

איינס

כּעס, נקמה, רויך.
אַ קליינע מחנה מיט רציחה אין די אויגן.
אָנגעגורט מיט פֿײַל און בויגן
אין נאַכטיקן פֿאַרראַט,
האָבן מײַנע ברידער
רחמנות אין זיך אָפּגעשמדט
און פּסול געמאַכט דעם פּאַרמעט פֿון מײַן לעבן.
גאָט מײַנער פֿון געדולדיקן בית־מדרש.
שווער אַזאַ פֿינצטער העלדישקייט צו פֿאַרגעבן.

צוויי

מײַן פֿאָלק, מײַן פֿאָלק פֿון רחמנות,
ייִד פֿון מײַן גאַנץ לעבן.
כ׳וועל דיך נישט אַוועקשענקען
פֿאַר די גרעסטע אַרסענאַלן פֿון גבֿורה.
פֿאָלק פֿון מײַן גוטן טאַטן,
אויף פֿרעמדער פּוילישער ערד.
ווײַפּל האָסטו מיט מיר אײַנגעקנעלט גוטסקייט
פֿון מײַנע חדר־יאָרן אָן.
שטאָלץ מײַנער אויסדערוויילטער.
פֿאַרגלותטע פֿעסטקייט.
באַפֿרײַ זיך נישט פֿון מײַנע גערעכטע דלת־אַמות.
גיי נישט אַוועק אין וועלט־געפֿאַנגנשאַפֿט
מיט בלוטיקע קייטן אויף די הענט.

דרײַ

שׂונא מײַנער, מײַן שטאַרקער אָרעם
וועט אויך זײַן גערעכט.
פֿאַרשוועכט וועט נישט זײַן
דאָס ייִדישע וואָרט.
דאָס אָרט ווּ ס׳וועט געלייגט ווערן
דער שלום-שטיין
וועט זײַן פֿעלדזנפֿעסט און ריין.
און אַז מיר וועלן די געפֿאַלענע ציילן,
וועלן מיר די טרויעריקע ווּנדן היילן
מיט רחמים, מיט גלויבן;
אַז אַפֿילו אויפֿן פֿעלד פֿון שלאַכט,
אין דער פֿאַרשעמטער, פֿינצטערער נאַכט
מוזן אונדזערע זין זײַן ליכטיקע ייִדן.
נישט קיין אָנפֿאַלערס,
נאָר באַשיצערס, זיגערס, הויך דערהויבן.

נעמט מיך נישט אײַן

זײַט נישט פֿאַרבלענדט.
נעמט מיך נישט אײַן
מיט אויבן־אַראָפּיקע רייד.
די פֿאַרגלותטע קייטן מײַנע
אויף די הענט
זענען איצטער
צימבלען פֿון פֿרייד.

מיך וועט מען שוין קיין מאָל
אין גאַנצן נישט באַפֿרײַען
פֿון אײַנגעחלומטע מוראס.
זעט, ווי איך ברענג אײַך
דערמאָנונג פֿון ליכטיקע דורות.
מיט מײַן פֿאַרקנעכטשאַפֿט
צו פֿאַרקלאָגטע חצותן און פֿאַרטאָגן
קום איך צו אײַך מיט געניטער באַוואָרעניש
פֿאַר אַל די נסיונות און פּלאָגן.

הערט זיך אײַן, געדענקט.
צו אונדזער לשון, פֿאַרייִנגט
מיט נײַ געשאַפֿענע קלאַנגען,
זינגט שוין לאַנג מײַן לשון פֿאַרבענקט
מיט אַלטע טײַטשן און געזאַנגען.

רעד צו מיר ייִדיש

רעד צו מיר ייִדיש, מײַן ייִדיש לאַנד,
און איך וועל צו דיר רעדן עבֿרית ממילא.
אַבֿרהם מיט שׂרהן קומען מיר אַנטקעגן
פֿון דער מערת־המכפּלה.

גאָט העלף, זיידע־באָבעשי.
אַבֿרהם גייט שווײַגנדיק די גאַס אַריבער.
נעם זיך ניט צום האַרצן יאַנקעלע,
זאָגט שׂרה, ער איז מבֿין כּל דיבור.

ס'איז אַזוי דאָ אָנגענומען.
אַ מאַנצביל דאַרף ייִדיש שטומען.
אָבער אַ ייִדענע פֿון ייִדישטײַטש
האָט אויך עפּעס וואָס צו זאָגן.
זאָג איך דיר גאָט העלף, מײַן קינד,
זאָלסט מיר אַל דאָס גוטס פֿאַרמאָגן.

גלייב מיר, יאַנקעלע, ס'וועט קומען אַ צײַט
אין חמשה־עשׂר־לאַנד פֿון ראָזשינקעס און פֿײַגן,
אַז אַלע עבֿרית־קינדער
וועלן אויפֿהערן ייִדיש שווײַגן.
און אַז זיי וועלן זיך צערעדן
וועלן זיי, וועט אַ נחת זײַן צו הערן,
אַזוי וועט געשען, יאַנקעלע מײַן קינד,
אַ שבֿועה קען איך דיר שווערן.

דער זיידע אַבֿרהם פֿון יענער זײַט גאַס
ווינקט צו מיר און פֿאָכעט מיט דער פּאַטשיילע.
אָ, רעד צו מיר ייִדיש, מײַן ייִדיש לאַנד,
און איך וועל צו דיר רעדן עבֿרית ממילא.

פֿאַרן עבֿד

פֿאַרן עבֿד פֿון מצרים איז גענוג,
די רוט וועקט אים נישט אויף אין דער מדבר.
דער שטילער טרויער וועבט אים אוים
אַ פֿולן געצווייַג פֿון רייד.
די געדעכענישן זייַנען דורכגעוואָרעמט און קלוג
און פֿול מיט פֿרייד פֿון זיידנס גערעכטן דויער.
אָ, דער זיידע האָט געקאָנט קנעכטן
און נישט אָנווערן דעם פֿרומען קאָפּ.
די זיפֿצן זייַנען געוואָרן תּפֿילות,
געזאַנגען מיטן ייִדישן טראָפּ.

די זון פֿון פֿרייַהייַט ברענט פֿון אַלע זייַטן,
ברענט מיט צוואַנג פֿון אָפּמעק,
פֿאַרגעסעניש און שרעק,
נישט צו דערמאָנען די פֿעטע פֿיש פֿון יענע צייַטן.
אָ, גאָט פֿון עלטער פֿאָטער,
די חירות שמידט אויך, מאַכט מיד.
פֿאַר וואָס זאָל אים געדענקען זייַן פֿאַרבאָטן,
דאָס ביסל גוטס אויסגעקנאָטן
פֿון ציגל און ליים;
אַן אַלט ליד, רייד צום מידן ווייַב.
די פֿרייד פֿון געפֿאַרטער היים?

יעקבֿ
גלאַטשטיין

ביַי דער גרענעץ

כ׳קאָן זיך אַלץ נאָך נישט אויסצאָלן
פֿאַר די עטלעכע איבריקע פּראָצענטער,
וואָס איך האָב געשונדן.
שוין ביַי דער גרענעץ פֿון חירות —
אָבער כ׳שטיי אַ געשענדטער.
כ׳האָב פֿאַרלוירן דעם מוט —
מען זאָלצט מיַינע היסטאָרישע ווּנדן.

מיַין גלות־פּאַספּאָרט איז פֿאַרשמירט.
פֿון אייגענע ברידער ווערט ער רעווידירט
מיט אַ פֿיַינטלעכן נאָזקרים,
ווי כ׳וואָלט געווען כּולו שאָדן.
כ׳שטיי געבויגן און שטום,
שווער באַלאָדן.

אונטערן אָרעם
טראָג איך הייליקע ספֿרים,
ווּ ס׳איז פֿאַרשריבן ברמיזא
מיַין פֿיַינלעכער, זינגענדיקער דויער.
כ׳קריג נישט מער
ווי אַ דור־המידבר־וויזע.
ס׳עפֿנט זיך דער טויער.
ס׳האַרץ צאַפּלט, כ׳נעם זיך פֿרייען.

אַ סטאַטיסטיקער מיט ווייסנשאַפֿטלעכע ברעמען
באַטאַפּט מיך בייז —
ווי לאַנג איך וועל זיך
דאָ נאָך אַרומדרייען
און אייגענע ברידער
מיט מיַין לשון פֿאַרשעמען.

קער זיך אָן

קער זיך אָן מיט זיך,
דערפֿריי דײַנע אייגענע קינדער.
די וועלט פֿון פֿעלקער און פּנימער
גרינט אויף אונדזער קליינעם שטח.
דער צער פֿון געיאָג און פּלאָג
פֿאַרשטענדיקט אונדזערע ליפּן.

אַפֿילו דער געשמדטער קרייץ
ווערט אַ ייִדישער מאַנדלבוים,
און אַלץ קומט צוריק זיך בוקן
און האָרכן בײַם קליינעם באַרג
פֿון יונגע געבאָטן.

אַלע קלוגשאַפֿטן מישן זיך
אַצינד פֿון רעכטס צו לינקס.
ריִים הײַנט אַרונטער די גאוותדיקע שילדן
פֿון געניאַמענטע גאַסן
און שפּאַן דורכן לאַנד
פֿון בטחונדיקן ייִד,
וואָס האָט דאָס אַלץ פֿאַרגלייבט
און אײַנגעטרויעריקט אין דעם טאָג־נאַכט
פֿון זײַן אַלף־בית.

4-טע סעריע -

דער נאַכט אַנטקעגן

BK.

דער נאַכט אַנטקעגן

ווי מײַן דור איז מיד,
נאָך דעם ווי ער האָט אַלץ
אויסגעגראָבן און פֿאַרגראָבן!
מער איז גאָר ניט כּדאַי צו האָבן.
מײַן דור איז מיד.

די פֿאַרשטאָטיקטע שרעק
שטרעקט זיך הויך
ווי אַ ריזיקער מאַגנעט
צום חורבן־רויך,
וואָס לויערט אויף אונדז אַלעמען
מיט טויטן שלאָף.
אונדזערע מוחות האָבן אויסגעטראַכט,
אונדזערע הענט
האָבן אונטערגעלייגט די שטראָף,
וואָס וועט נאָך אויפֿרײַסן
הײַנט בײַ נאַכט.

טרויער

דער טרויער ליגנערט אוים געצן פֿון איינזאַמקייט.
ער צינדט לאָמפּן אין די ווינקלען
מיט פֿאַרקאָפּטשעטן גלויבן,
דאָס זענען דײַנע הענגלגעטער,
וואָס וויגן זייערע שאָטנס איבער דיר.
דו ווײַרעכסט דײַנע פּסוקים
צו דײַנע פֿיר איילן.

מענטש פֿון דײַנע יאָרטעג,
ציטערסט פֿאַר דײַן אייגענעם בלינדן טרויער,
וואָס פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל זעלבסטמאָרד־כּוח.
האָסט מורא אָנצוכאַפּן די זײַלן.

קיינער

קיינער קומט שוין מער ניט מיט פֿריידיקע אויגן
טויטע מאָרגנס צו באַזונען.
האָט שוין ווער אויף די וועגן
דעם זינגענדיקן נע־ונד געפֿונען?

דער בוים שטרעקט זײַן הארבסטיקן ציטער
אַנטקעגן נעכט פֿון קאַלטן לויער.
דרימל, מײַן לעבן, ס׳קומט בייז געוויטער.
דעכער ווערן דערשראָקענער און גרויער.

היייליקע ליגנס

נישטאָ קיין גרייטערע ליגנס
ווי די ליגנס וואָס מיט זיי האָבן זיי באַגילדט
אונדזערע ערדענע רייד.
דעם טרויער פֿון אַ קורץ און האַפֿטיק לעבן
האָבן זיי צוגענאָגלט
און פֿאַרוואָגלט אויף אַ לענג און ברייט.
פֿאַרשעמט זײַן טויט אויף די געמאַרקן.

פֿאַרשוועכט דאָס וואַרעמע געלעגער
פֿון דער געזעטיקטער מוטער
אין די אָרעמס פֿון אַ שטאַרקן,
דורכגעציטערטן, דורכגעשטראָמטן צוזאָג.
פֿאַרליגנערט איר פֿרייד
מיט וועקסענער הייליקייט.

פּרימיטיוו

איך בין ווילד, האַריק, פּרימיטיוו,
אָבער כ׳קאָן שוין לשונות ריידן.
כ׳קאָן שוין אַפּילו שרײַבן אַ בריוו
אין עטלעכע אַלף־ביתן,
אַז ס׳זאָל דערגרייכן
די גרעסטע חכמים, וואָס וויסן
אַלץ צו באַשיידן,
וואָס עס טוט זיך אין די ווײַטסטע רוימען,
אין די ליכטיאַריקסטע געררוימען.

שרײַב איך זיי בכן אַזוי:
איך טראָג סײַ ווי אַ שווערע גלויבן־משׂא.
די קאַסע פֿון מײַן וויסן איז קליין און אָרעם,
און פֿרעגט מיך בחרם,
איך בוק זיך אַהין און אַהער
צו אַלע געהיימען.

ווילט איר מיך איצטער גאָר פֿאַרשעמען,
אויפֿפּראַלן פֿאַר מיר אַזוי פֿיל וווּנדיירים
פֿון פֿאַר און איידער.
כ׳וועל דאָך פֿאַלן פֿון די פֿיס
בוקנדיק זיך אַ קײַלעכדיקן מעת־לעת
צום נײַאַנטפּלעקטן נס
פֿון אויסגעציטערטן מעכטיקן סדר.

מיט אײַער פֿאַרקען זיך סאַמע אויבן
ווערט מײַן גאַנג באַשווערט,
שווערער נאָך מײַן נײַע משׂא גלויבן.
כ׳קאָן עס קוים דערטראָגן מיט מײַן בינטל ביינער.
כ׳פֿאַל מיט מײַן גאַנצער וואָג צו דר׳ערד
און שרײַ אוים דרײַ מאָל:

גאָט איז איינער.

יאָרהונדערט

מיר זענען אַרוים פֿון די קינדערשיכלעך.
אונדזערע לידער זענען ניט פֿון זינגענדיקע ביכלעך.
מיר האָבן קיין מאָל ניט גערעדט קיין געקוּשטע רייד.
מיר זענען ניט געווען באַטייבט נאָר פֿאַרווּנדערט.
מיר האָבן דערהערט דאָס קול פֿון יאָרהונדערט.
מיר האָבן געהערט דאָס קול פֿון יאָרהונדערט.

אַ בעלמע

אין אַ הימליש קיניגרײַך פֿון טריליאָנען
קרײַדוועלטן און שטויב
גיי גלייב;
אפֿשר קענסטו אָנען —
אייביקייט געמאָסטן
מיט ליכטיאָרן,
פֿון טרויעריקסטן חושך געוואָרן.

אַ קליינער צאַפּל גלויבן,
וויסן מיט אומוויסן פֿאַרוועט,
אויף אַן איינציקן פּלאַנעט.
דעם פֿאַרשערם טעלעסקאָפּ —
אַ בעלמע אויפֿן אויג פֿון אַ ציקלאָפּ.

טויטער בטחון

דער טויטער בטחון פֿון אונדזער דור,
דרימלט אויף אַ פֿוילער צווײַג.
די זון ציט אים צו זיך, ציט.
ער באַהאַלט זיך, ער האָט זיך נאָך אינגאַנצן
נישט אויסגעבריט.

אַ גרויסער פֿויגל טשאַטעוועט אויף אים
מיט ווילדן געזאַנג.
דער בטחון וואָרעמט זיך און האָט מורא
שוין צו ווײַזן דאָס צינגל
פֿון אַ גן־עדן־שלאַנג.

דער טײַטש

ווי נידריק וואָלט געווען דער טײַטש,
אַז לעבן מיינט אַכזריותדיקע בײַטש
פֿון אומגעשטילטן נײַגער,
אומזיסטיקע פּאַרוועטעניש.

אויבן — אַ מאַטערנדיקער געהיים,
אונטן — אַ שטיק ליים,
וואָס פֿאַרשטייט, אַז ס׳לעבט אויפֿן זייגער
און רײַסט זיך ווי אַ הונט פֿון קייט,
צו באַשיידן וואָס גיכער אַ רעטעניש.

ווי אומזיניק וואָלט געווען דער טײַטש.

דער ענטפֿער

באַגרענעצט מער נאָך אין אומוויסן
ווי אין וויסן
האָט דער אורמענטש דעם קאָפּ פֿאַרריסן
צום הימל און דעם ענטפֿער גרינג געפֿונען.

פֿאַר אונדז וואָס אונדזער וויסן איז פֿאַטאַל
און אומוויסן אַזוי קאָלאָסאַל
איז דער גרינגער ענטפֿער צערונען.

דעם אויפֿרײַס פֿון ערשטן ביסל שטויב
אויף וואָס זאָלן מיר עס פֿאַרפֿעסטיקן?
און ווי זאָל מען אַזאַ אָנהייב באַשיידן?
און צי קאָנען מיר דען ריידן
מיט פֿאַרשטאַנדיקייט וועגן דעם ענדגול
פֿון חורבן טאָטאַלן,
אויף וואָס זאָל זיך האַלטן דער שפּרײַ
פֿון אַן אומקום אַן אוניווערסאַלן?

מיר שטרענגען אָן דעם מוח עפּעס צו כאַפּן,
צו דערקלערן,
און ס'אויג פֿון ענטפֿער איז דערווײַטערט,
פֿול מיט געלעכטער און טרערן.

דאָס לשון פֿון גוטסקייט

שיין איז דאָס לשון פֿון גוטסקייט
און קלוג מיט דער חכמה פֿון גלויבן,
ווער וועט געפֿינען דאָס לשון פֿון גוטסקייט
אין דער תקופֿה פֿון אַטאָמישע שטויבן?

איבער שטילע פֿאַרצײַטישע טויטן,
איבער ברכות פֿון טאַטעס צו קינדער,
ברענען רויטע, משוגענע קנויטן,
רײַסט זיך די האַנט פֿון דעם צינדער.
פֿאַרשרײַב, פֿאַרצייכן.
ביז די משוגענע האַנט וועט אונדז גרייכן.
פֿון רעכטס צו לינקס —
פֿאַרוואָרן.
אפֿשר וועסטו אָפּשרײַען דעם צאָרן
און דאָס לשון פֿון גוטסקייט פֿאַרוועטן
אַנטקעגן דעם משחית פֿון דזשעטן.

אין טונקל פֿון דער וועלט

אין טונקל פֿון דער וועלט
זיצט דער משוגענער געזעצקריצער
און האַקט אויס נײַע געבאָטן.
אַלע אונדזערע געטרײַע זאַלטסטניטן,
אַלץ וואָס איז אונדז געווען פֿאַרווערט,
אַלץ וואָס איז אונדז געווען באַשערט
און וואָס איז אונדז געווען פֿאַרמיטן,
האָבן אָפּגעווישט פּילאָטן.

דעם קריצערס דלאָט נעמט גוטס און שלעכטס פֿאַרמישן.
מיר לעבן דערווײַל אויף דעם געבאָט פֿון צווישן.

געזונטע ווײַסע מײַז

באַלד און פֿון גאַנצן שטראָפֿשפּײַכלער
מיט די יסורים-שטויבן
וועט ווערן אַ מוזיי פֿון באַזיגטן ווייטיק,
די בײַטש וואָס האָט געפּײַניקט דעם גוף —
אַרויסגעריסן פֿון האַנט פֿון פּײַניקער.
געזונטע ווײַסע מײַז שטעקן אַרויס
די קעפּ פֿון קליינעם פּלאַנעט
און שנאַפּן דעם קעז פֿון נײַעם ווונדער.

ס'ליגט זיך ניט אויפֿן שׂכל,
אַז מײַז זאָלן זוכן גאָט,
זיי זוכן די מורא פֿון דער גרויסער קאַץ
אין די נײַע פֿינצטערנישן
און דעם אויפֿקנויל פֿון ערשטן דרימל.

טעג פֿון עלנט

טעג פֿון גרעסטן עלנט,
טעג פֿון צייכנס און שרעק,
אָן משפּחהדיקן פֿאַרבינד
אויפֿן אייגענעם באַראָט.
צווישן אונדז און גאָט —
אַ באַרג פֿון אָנגעקריסטיקטע,
אָנגעמיסטיקטע זינד.
מיר שטייען אַלע צוזאַמענגעשראָקן
און קענען זיך נישט איינִיקן,
ווער ס'מוז אַלץ אָוועקריינִיקן
אָן תּפֿילות, אָן קלויסטערגלאָקן.

אַלע אונדזערע מעשׂים פֿון מענטשלעכן שטרויכל
זענען געווען לכתחילה
גערעכנט אויף געטלעכער מחילה,
אַז מען מעקט אָפּ, מען פֿאַרגעסט,
ביז דער טײַוולסקויט פֿון אונדזערע זינד
האָט די לופֿט פֿאַרפּעסט.
מיר אָטעמען דעם טויטשטויב אַצינד.
מיר האָבן זיך אָפּגענאַרט.
דער הימל איז האַרט
און האָט ניט פֿאַרגעבן די מינדסטע עֲבֵירה.

דאָס נאַכטיקע פּנים

דאָס זילבערנע, ליכטיקע, נאַכטיקע פּנים
האָט געכאַפּט דעם ערשטן ערדישן שפּיַי —
אַ ווילדן קראַך אַן ווידערקול.
מע ווייסט אַפילו,
אין וועלכן קריַידיקן טאָל
ס'איז צעשפּריצט געוואָרן
דער גראָבער שפּריַי
פֿון מענטשלעכן ווילן.

דערנאָך זענען אַנגעלאָפֿן
גערדיכטע שטילן
דורך פֿראָסטיקע נעכט און פֿאַרשרפֿעטע טעג.
ס'האָבן זיך פֿון אַלע זיַיטן
גענומען רירן, וועקן
אַזוי פֿיל אוריאַריקע שרעקן,
אַז מ'האָט געפֿונען דעם וועג.
דער מענטש האָט געפֿונען דעם וועג.

קיינער ציילט נישט דעם קלאַפּ און שלאָג פֿון ציַיט,
דאָס ביַיטן פֿון קעלטן און היצן.
וועט דער פֿאַנצער אַן אַטמאָספֿער, אַן גאַז,
אויפֿהערן באַשיצן,
זיַין אַ שטער צו טריט
פֿון חוצפּהדיקן ערדישן בלאַזן?

די אימהדיקע שטילקייטן
זענען גרייט.
זאָל זיי אונטן ניט אַנקומען
אַזוי גרינג
דער ערדישער באַצווינג.

אַפּגענאַרטע

פֿאַר אונדז די פֿאַרטרויעריקטע
מיט פֿאַלשער וואָג און מאָס פֿון שעהען,
אָפּגענאַרטע, אָפּגעדויעריקטע,
מיט צײַטצויטן פֿון געלעכערטע נישטאָען;
ווי אַזוי וועלן זיך ציילן אונדזערע טעג?
אַז דער אָנווער
פֿאַרפֿינצטערט דעם פֿאַרמעג.

פֿון דאָס נײַ

ס׳הייבט זיך אָן פֿון דאָס נײַ.
דער זייגער שטופּט דעם באַזיגטן
אַ ביקס אין האַנט.

ס׳גיט אַ קנאַל
און ביידע פֿאַרלירן דעם פֿאַרשטאַנד.

די געשיכטע כאַפּט דעם סיגנאַל.
און וואַרט אין וואָרט געטרײַ
נעמט זי זיך איבערשרײַבן.
זי יאָגט די פּען צו אַ ביטערן פֿינאַל.
ויהי, ס׳איז געווען,
אַז אַלע לענדער זענען געוואָרן סדומען.
האָט זיי אָפּגעוווישט
אַ מבול פֿון אַטאָמען.

סאָבוויי

דער פֿרי־מאָרגנדיקער סאָבוויי איז געפּאַקט און זויער
ווי אַ נישט־געשײַערטער טאָפּ.
דער קלאַפּ און טשעפּ פֿון די רעדער
פֿאַרהאַלט אײַנגעשפּאַרטערהייט אַן איינציקן טרויער
און לאָזט אים נישט אַרויס פֿון שלעפֿעריקן קאָפּ.

קליינע הינער און העגער
זוכן מיט יונגע אויגן און שאַרנדיקע טריט
קערנער חיונה אין אַ בלענדעניש פֿון אַנאָנסן־סטויגן,
אין אַן אַפּאַטישער צײַטונג,
באַפֿליגפֿלעקט מיט געלעגנהייטן אין פּעטיט.

אַ שיכּורער כּיראָמאַנט,
מיט צעהיצטע בליקן,
לייענט די צייכנס אויף אַ וואַרעמער האַנט
און זאָגט פֿאָרויס גאַנצע גליקן.
מײַן איינציקער טרויער איז נאָך אַלץ
פֿון רעדערטשעפּ פֿאַרשטעלט.

מיר גלוסט זיך וויינען פֿון רחמנות
אויף אַזוי פֿיל אָנהייב לעבן
אין אַ זויערער געפּאַקטער וועלט.

סעגרעגאַציע

די ווײַסע סקול איז ליכטיק. מיט דרײַ שוואַרצע פּנימלעך
ווי פֿון שוואַרצע קעצלעך
זענען די שויבן פֿאַרהויכט.
איז אַרײַנקוקן דורכן פֿענצטער געזעצלעך?
דרײַ שוואַרצע פּנימלעך
פּלעטשן די נעזלעך אויף די שויבן.
די געזאַנג־לערערין זינגט מיט גלויבן.
דאָס לאַנד פֿון די פֿרײַע, די בראַווע.

דרײַ שוואַרצע פּנימלעך לאַכן.
זיי זענען טשיקאַווע, צי האָבן זיי געבראָכן דאָס געזעץ
און מיט זייערע נײַגעריקע שוואַרצע,
גרויסע טרויבן
שוין געוואָרפֿן שטיינער אין די ווײַסע שויבן.

דערגרייכערס

די דערגרייכערס קומען שטאָלצע פֿון וועג
מיט אַ סך זאַקרויב
פֿון כּבֿוד און עשירות.
זייערע קינדער וועלן זיך באָדן אין שמעקעדיקע איילן.
אַזוי האָט דער גורל באַפֿוילן.
נאָך זיי קומען געבויגענע בעטלערס
מיט צעריסענע פֿיס,
אויסגעשטרעקטע הענט,
מיט פֿאַרקאָלטנטע האָר באַוואָקסן.
זיי ווערן הייזעריק פֿון זינגען הללויה
צו יופּיטערן און זײַנע רײַכע אָקסן.

די בעטלערס פֿאַלן און ווערן געלאַטעטע טעפּעכער.
די דערגרייכערס טרעטן איבער די קעפּ פֿון די שלעפּעכער.
ס'קלינגען די גלאָקן, ס'זינגען אַלע אמונות.
ווען די דערגרייכערס צאָלן אוים זייער געפֿעלשטן מעשׂר
פֿאַר די בעטלערס —
דאָס ביטערברויט מיטן שטינקענדיקן וואַסער.

באַשײַמפּערלעך

כ׳האָב באַשײַמפּערלעך געזען, ווי דאָס האַרץ
בײַם ווילטוערישן ייִד
איז פֿון טאָג צו טאָג
פֿאַרפֿעצט געוואָרן.
ער איז געזעסן אויפֿן שפּיץ
פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן פּיראַמיד
און יעדער קרבן פֿון זײַן גוטסקייט
איז אים געווען אַ דאָרן
און אַ שאַנד.

דערווײַטערט פֿון זיי האָט אים
וואָס אַ טאָג זײַן שטאַנד.
אַ קוק דורך אַ שפּאַקטיוו,
האָט ער באַלד
אויף דער פֿאַרציפֿערטער נויט
געשאָסן פּאַסיוו
מיט פֿײַל־און־בויגן.

פֿון גאָר אויבן זעט מען ניט
קיין מענטשלעכע אויגן.

פרנסה

כ׳האָב קיין מאָל נישט פֿאַרשטאַנען,
פֿאַר וואָס דער יאָך
פֿון מײַנע פּרנסה-קאַנען,
וואָס זענען לער
און כ׳טראָג זיי אַ געבויגענער מעת-לעתיק,
איז אַזוי מיט לײדיקייט שווער
און ווי עסיק פֿאַר מײַן געמיט.

טראָגט מען די קאַנען אַהין און אַהער
און מען גיסט אין אַ פֿאַס
וואָס איז אויפֿגעשפּונט,
רײַסט מען ביסלעכווײַז אָפּ ס׳געזונט.
מ׳האַנדלט מיט אומנוץ,
אָבער מען מאַכט דעם פּוץ
און מען רעדט גרייטע פֿאַפּירענע רייד,
דרײַגאָרנדיקע, הויכגעשעצטע,
זאַץ אין זאַץ באַזעצטע,
וואָס פֿאַרמאָגן קיין פֿונק וואָר נישט.

ס׳נעמט וואַכן, ביז מ׳דערשלאָגט זיך,
ביז מען דערזאָגט זיך
צו דער פֿרייד
פֿון אַ יונג וואָרט וואָס מיינט גאָרנישט.

מײַן עצה־געבער

מײַן געבויגענער, אומגעזעענער עצה־געבער,
וועמעס מוח צינדט תּמיד פֿאַר מיר
די אָנגעגרייטע ליכט אויף מײַן טיש,
קומט אַרײַן אומגעריכט.
דער עצה־געבער איז דורך און דורך ייִד,
לויט אַלע אַלטע דינים.

הײַנט איז ער מיד פֿון אַ טאָג פֿרומקייט,
ענטפֿערס אויף כּלערליי פֿרעגערײַ
און געהויקערטער וואַסער־טרעגערײַ,
ביטער ווי גאַל,
פֿאַר אומבאַקאַנטע מענטשן,
וואָס לעבן ווי ווילדע פֿיש אויף וואַסערדרייד
און זוכן כּסדר רויב און אָפּפֿאַל.

דער עצה־געבער איז דורך און דורך ייִד,
לויט אַלע אַלטע דינים.
זאָג איך צו זיך:
נעם דו הײַנט און באַדין אים.
מײַן עצה־געבער שווײַגט.
ער צינדט נישט די ליכט.
ער קײַט אין דער פֿינצטער,
ער האָט אַפֿילו פֿאַרגעסן
זיך וואַשן צום נײַט־געבענטשטן עסן.

וואָס קאָן איך
אין אַזאַ געדריקטער פּינצטערניש טאָן?
פּלוצעם הער איך, ווי דער עצה־געבער
גיט אַ ווילדן געשריי,
ווי ער וואָלט זיך עפּעס געגעבן אַ דערמאָן.
ער הייבט אָן מיך באַקלאָגן.
די ווערטער זײַנע בינדן זיך נישט,
זיי זענען נישט זאָגיק,
נאָר זיי זיפּצן זיך אַרײַן אין מיר
מיט אײַזערנער לאָגיק.

רגעס

די גאָר ניט געשעענע רגעס, אָן באַטײַט,
די פּראָטאָפּלאַזמען פֿון צײַט,
זענען אָנגעגאָסן מיט גרינער פֿרייד.
מ׳דאַרף האָבן אָן אויער פֿאַר זייערע
געזאַנגיקע רייד,
פֿאַר דעם בליץ פֿון פֿאַרשווינד,
פֿאַר זייער פֿאַרלעש און צינד.
כ׳וועל זיי פֿון איצטער אָן האַלטן טײַער,
זיך אײַנהערן אין זיי מיט טרויער.
זיי זענען דאָס קילע פֿײַער
פֿון מײַן אָפּגעציטערטן דויער.

יעקבֿ
גלאַטשטיין

זוכנדיק גאָט אין די ספערן

איינס

די זילבערנע נאַכט האָט דיר געפּאַסט, גאָט מײַנער,
צום אַלטן קלוגן פּנים,
צו דער קליינער הערשאַפֿט,
ווען איך בין געווען פֿאַרגלויבט
אין הימל און ערד, דײַנע פֿיר איילן.
איצטער נעמסטו בײַלעכווײַז אַנטפּלעקן
די וווּנדערס און שרעקן
פֿון דײַן עשירות,
נישט צום איבערציילן.

מיר איז ענגער דײַן גרויס,
דײַן קיניגרײַך פֿון אַזויפֿיל ליכטיקע געצעלטן,
ווי די צאָלן זעמדלעך בײַ אַלע ימען,
ווי נשמות פֿון אַלע פֿאַרגאַנגענע שטאַמען,
ליכטיקע פֿינטעלעך פֿאַרמילביקט מיט וועלטן.

ווי קאָנסטו איינער אַליין זײַן
אַזוי אַליין־געוועלטיק און דאָך אַזוי פֿאַרבאָרגן?
ווי קאָן אין אָנוכי אַזאַ באַזיץ פֿאַרזאָרגן?
צוזאַמענהאַלטן דעם גאַנצן אימהדיקן געשלידער,
מיט חשבונות פֿון אײַזערנע געזעצן?
נישט אומזיסט האָבן די קלוגע פֿאַרצײַטלערס
דיר געוואָלט שטעלן צו־הילף — אַזויפֿיל געצן.

צווײ

ווי קלײן, ווי שמאָל ס'איז געווען דאָס אומגליק,
אַזוי געגנוג איז אונדז געווען די אַלטע ערד,
וואָס פֿון איר, צו איר אונדזער בענקשאַפֿט.
ס'האָט אונדז די געפּרוכפּערטע ענגשאַפֿט
נישט געשטערט.

די געשפּילטע מלחמות; פֿון קינדישע העלדישקייטן די לוין,
די קעניגליכע געזאַלבטע קרוין,
דאָס געזעץ און די שטראָף,
די טרויעריקע צעלן פֿאַר אַ פֿול לעבן
פֿון שוויים און שלאָף
און אַמאָל פֿון זעט.
די קינדער פֿון דער אויסגעבריטער וואַרעמקייט,
האָבן געשמעקט מיט אונדזער ענגער ליבשאַפֿט און בעט.

און גאָט איז געווען צום זינגענדיקן שׂכל
אומדערגרייכלעך־נאָענט מיט זײַן רחמים און צאָרן.
די אויסגעקלוגטע יאָרן האָבן זיך אין אים געעלטערט,
נישט געזוכט נאָר תּמיד דערמאָנט.
מיר האָבן געוווּסט אַז ער הערשט פּאַרטראָנט,
אויפֿן זעקסטן, אפֿשר זיבעטן גאָרן
אין הימל.

דרײַ

די פֿענצטערלעך פֿון רחמים זײַנען קלײן,
אַלערלײ־קאָליריק און דעקאָראַטיוו.

דאָס גוטס שענקט אַ קאַלטע
עלעקטרישע האַנט,
פֿון אַן אַלטן שפּײַכלער, אַן אַרכיוו.

באַלד און דאָס ביסל חסד וועט זיך אויסלאָזן,
די האַנט וועט בלײַבן ליידיק,
וועלן טרוקענען די גראָזן,
פֿוילן די ברויטן,
און ס'וועט זיך עפֿענען דאָס אמתע פֿענצטער
און מבולן מיט שטראַליקע טויטן.

און וויפֿל תּיבֿהס ס'וועלן זיך ראַטעווען
מיט גלויבן,
אַזויפֿיל טויבן וועלן פֿליִען און זוכן
אַ נישט־פֿאַרקרעציקט אָרט.
מיט אויסגעהוילטע ביינער וועלן זיי זיך טראָגן און פֿאַלן
און פֿליִען צו די זעלביקע טויטלעכע שטראַלן,
וואָס האָבן דעם אור־פֿײַכטן פֿעלדז
אַזוי לאַנג מיט חוזק גערייצט און געהיצט,
ביז זיי האָבן פֿון אים אַרויסגעבליצט —
לעבן.

פֿיר

זײַנען די ווײַטע וועלטן באַלעבט, באַוווינט?
אפֿשר וועט אונדזער דור ווערן באַלוינט,
מיט וויסן, מיט באַווײַז.

נאָר ס'איז אַ גראָבער מענטשלעכער גרייַז,
אַז גראָד אויף אונדזער פּלאַנעט
וווינט גאָט.

טרילימיליאָנען יאָרן ווייַט
שפּאָט ער פֿון אונדז.
ווי זייַנען גאָר אַזעלכע לייַט
ראוי צו גלויבן?
מיר מיט אונדזער רשעות
מיט אונדזערע סדומישע לענדער און שטעט.
ווי קומט גאָט צו אונדז,
אויף אונדזער פּלאַנעט?

פֿון טרילימיליאָנען יאָרן
האַלט ער בלויז אַן אויג אויף ייִדן.
ס'דרימלט און שלאָפֿט נישט דער ווייַטער היטער.
אים קאָן מען קיינמאָל נישט פֿאַרמיידן.

נאָר אַז מ'האָט קיין עין־הרע צו באַוואַכן
אַזויפֿיל פּלאַנעטישע גיטער,
איינער אַליין אויפֿן טראָן,
קערט ער אַמאָל אָפּ
אויף אַ בליץ דעם קאָפּ,
דעמאָלט הויבט אָן מיט ייִדן געשען,
און איידער וואָס־ווען,
פֿעלן זעקס מיליאָן.

5-טע סעריע —

וואַריאַציעס
אויף אַ טעמע

B.K.

כ׳שטיי אין טויער

כ׳שטיי אין טויער, פֿאַרקויף מיט אַ ניגון
ייִדישן האַניקלעקעך
מיט ראָזשינקעס.
וועלטפּראָבלעמען באַפֿאַלן מיך
ווי בײַסיקע פֿליגן.
מרחקים ווערן צעריבן סופּערסאָניש.
כ׳זוך אַליין פֿאַר זיך אַ תּרוץ,
אַ גאָט,
אין אַזאַ צײַט צו טראַכטן
פֿון ביאַליק און פּרץ,
פֿון מתמיד און מאָניש;
אויסצושרײַען ייִדישן האַניקלעקעך
אין טויער פֿון שטאָט.

יאָ, זײַנע וועגן זענען פֿאַרהוילן,
גאָטס ייִדישע דרכים זענען פֿאַרהוילן.
אָבער קיינער וועט בײַ מיר ניט פּועלן
צו פֿאַלן אַ מנין ייִדן צו די פֿיס,
שרײַען אוי וויי,
ראַטעוועט אונדזער וואָרט פֿון אונטערגיי.

ניין, זי זינגט אַלע העפּליכסט געלאַדן
מיט געזאַנג
צום מאַרש פֿון אונטערגאַנג,
צו דער באַשטימטער שעה.
אַלע זענען געקומען? אַלע דאָ?
מיר זײַנען!
שטראָפֿע פֿאַר ניכט דערשײַנען.

מײַן געצעלט

נעם מיך אַרום מיט ווערגנדיקער געטרײַשאַפֿט,
לשון מײַנס, ווער מיר אַן אײַפֿערזיכטיק ווײַב,
בינד מיך צו צום געצעלט,
לאָז מיך ווערן שטום־לשון פֿאַר דער וועלט,
אַפֿילו אין דער בעסטער איבערזעצונג.
זאָלן זיי מיך פֿאַרטיילן.
פֿאַרקליין מיך ביז ניט־דערשעצונג,
מיך אַרט נישט, אַז זיי וועלן מיך נישט ציילן.

פֿאַרשווער מיך, אַ געטרײַען,
צו דיר מיט גורלדיקער באַשערטקייט,
אַז ס׳זאָל מיך קיינער פֿון דײַנע אָרעמס נישט באַפֿרײַען.
אמת, איך וועל נישט זײַן אוניווערסאַל,
אָבער אַז איך וועל אַוועק,
וועל איך ווערן אַ וואָלקנזײַל,
אַ ליכטשטראַל,
איבער אונדזער קליינעם משכּן.

צו די געמאַרקן

קום מיט מיר צו די געמאַרקן
פֿון די טרויעריקע און שטומע.
לאָמיר זיי שטאַרקן מיט רייד
פֿון דער ייִדנגאַס אין אונדזער זכּרון.

לאָמיר אָנפֿאָרן מיט אַ בהלה,
מאַכן אַ פֿריילעכן טומל,
צוריקברענגען אַ שפּריכוואָרט,
אַ זידל, פֿון אַ ווילן אַ קללה,
אַ לעבעדיקן גוט־מאָרגן,
לאַנג זיצן און בריִען.

אפֿשר װעלן מיר אָפּשריַיען
דאָס וואָס ליגט שוין לאַנג
פֿאַרהוילן, פֿאַרגליווערט, פֿאַרבאָרגן.

שלום־עליכם

מיט אַ זעקל ליכטיקע רייד
ביסטו געקומען באַוואָרענען,
אײַביקן מיט פֿרייד
דאָס פֿאָלק פֿון מײַן געדעכעניש דעם צעהעלטן,
וואָס האָט דיך אויסגעוואָרט.
ביסט געקומען נישט־פֿאַרזאַמט
און אויפֿגעריכט זײַנע פֿאַפּירענע געצעלטן.
אַלץ וואָס איז געווען פֿאַרקוואָרט,
אַלע פֿאַרזאָרגטע יִדישע בלומען
האָסטו פֿאַרהאָניקט און פֿאַרטעמט.
געבענטשט דעם מינדסטן שטומען סימן פֿון בליִונג.

האָסט געשווירן
אַז די טראַכט פֿון ביטערער חיונה,
פֿון גראָשנדיקע געוועלבלעך
וועט געבוירן געזאַנג און געלעכטער,
קינדער און קעלבלעך
און ווערטער וואָס זינגען ווי פֿייגל,
אַפֿילו ווען זיי פּיסקלען זיך איבער אַ זערנע —
רייד ניט אויסגעברילט אין ווילדע וועלדער,
פֿאַרדעקט מיט רישעותדיקער געפּוצטקייט,
נאָר רייד וואָס טראַכטן לויטער גוטסקייט.

והיה און ס'וועט זײַן, אין סוף פֿון די טעג
וועלן אַלע פֿעלקער זייערע לשונות צעשטויסן
אויף דײַנע מחיהדיקע רייד;
דײַן נאָמען גרויסן
און לאַכן איינער צום אַנדערן
און טאַנצן אַנטקעגן — גוי צו גוי —
מיט צוטרוי.

דײַן כּזית קדושה

די קדושה וואָס מיר האָבן בשותּפֿות
מיטן טאָל פֿון טויט
איז צוואַנג־ירושה.
זי איז טײליק אין גלײַכע חלקים.
ס׳איז גורל צו זײַן הייליק.
דײַן גאַנצער ווידערווילן
צו אַ פֿולן מעת־לעת ייִדישקייט
וועט דיר ניט העלפֿן.
יסורים זענען דײַן גײַסטיקער תּענוג.
האָסט תּמיד געלעבט אין ווילטאָג פֿון צרות
און זיך איבערגעשטאָפּט.
דײַן גאַנצע געשיכטע איז דיספּעפּטיש.

דער פֿרי־מאָרגן וועקט דיך
מיט אַ פֿרעגנדיקן קריי.
ייִד?
אַ גאַנצן טאָג זוכט
דײַן שלעפֿעריקער מוח דעם ענטפֿער.
פֿון ערשטן ביסן, וואָס דו לייגסט אין מויל,
ביז טוסט אויס די שיך צו גיין אין בעט.
קיינער באַגרײַפֿט ניט ווי דו פּשטלסט
אַ גאַנצן טאָג דעם תּרוץ.
ביסט פֿרימער פֿון דײַן זיידן.
דײַן פֿרומקייט שנײַדט דיך מער
ווי זײַנע שאַרפֿסטע רצועות.

אָ, ווי איך האָב דיך געזען קויפֿן און פֿאַרקויפֿן.
איך האָב דיך געזען לייענען אַ בלאַט.

איך האָב דיך געזען פֿלינק
שטעלן פֿים און אַנטלויפֿן.
אין אַלץ ביסטו פֿרום און ייִדיש.
און דאָס איז דײַן סימן:
שעפּסט פֿרייד מיט טרויעריקע הענט;
ביסט אָנגעלאָגלט מיט שפּירעוודיקע רגעס;
פֿאַרהייליקסט די גרעבסטע קלײַען פֿון לעבן;
שמירסט די רעדער און ס׳דאַוונט אין דיר;
נאָך איידער דו זינדיקסט,
איז שוין גרייט דײַן האַנט
פֿאַר דעם על-חטא.
און זינדיקן זינדיקסטו קיין מאָל ניט
ביזן נפֿש, ביז בלוט.
ביסט אַ דערשראָקענער קעשענע-גנבֿ.
שמוגלסט קליינע עבֿירות,
די גריים פֿון דימענטן.

אָ, ווי איך האָב דיך געזען
וואַגלען אויף די גאַסן
און רעדן מטורפֿדיק צו זיך אַליין.
באַרעדסט דײַן יעדער ביסל תּענוג.
פֿאַרייִדישסט זיך דאָס לעבן.
טוסט תּשובֿה זעכציק מאָל זעכציק אַ טאָג.
אַפֿילו אַז ס׳רעגנט אויף דיר
אַ קליינער, מאָגערער וואָלקן,
טראָגסטו אַ טראַגיקאָמישן געשיכטלעכן שירעם.
אין דײַנע ווײַטסטע באַהעלטענישן
שטעלסטו אָן דײַן וועקזייגער
אויף שמע-ישׂראל.

הייב זיך אויף,
אָט איז דײַן כּזית קדושה,
וואָס איז דיר צוגעטיילט —
ועסט סײַ ווי דערפֿון ניט אַנטלויפֿן.

וואַריאַציעס אויף אַ טעמע

אײנס

ווער ס׳האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף וועלט,
איך — אויף ייִד.
וועט מען אַ מאָל מאַכן תּיל־תּל
פֿון מײַן ליד;
ברענגען ראיות,
אַז איך בין געווען פּראָווינציעל
און תּחומיק,
ווײַל כ׳האָב פֿאַרלוירן פֿון אויג
דעם ברייטן גויִישן
אַרומיק.

אָבער אַז ס׳וועט אַ ייִדישער שול־יאָט
אין מײַן נאָמען זיך דערמאָנען,
ברענגען פֿון מיר אַ ציטאַט,
זיך אַרויסהעלפֿן מיט מײַנס אַ שורה,
אין אַ הונדערט יאָר אַרום,
וועלן מײַנע לעפֿצן,
ווו איך זאָל נישט שוועבן,
זאָגן ערלעך און פֿרום:
דאָס הייסט אויפֿגיין, לעבן,
זײַן אומשטערבלעך,
אין דעם קלײנעם, ליבן
ווײַנגאָרטן פֿון מײַן פֿאָלק.

צוויי

אין די אלול־טעג האָט מען מײַנע רייד
אויף אַ ציטערדיקער וואָגשאָל געוווגן.
ס׳זענען שאַרפֿע טענות

קעגן מײַנע מעשׂים געפֿלויגן.
פֿאַר וואָס קומט אים אַזאַ זכות?
אַן אויסגעדייוועטער קטיגור
האָט געשפּריצט מיט פֿאַרדרוס.
זײַנע טווּנגען זענען דאָך פּעכשוואַרץ,
האָט ער רשעותדיק זיך פֿאַרקײַכט און געקרייט.
מײַן זיידע אַבֿרהם האָט ווי תּמיד
זיך נישט אָפּגעגעסן ס׳האַרץ.
דאָס אייניקל קען זײַן שטעטעלע באַשטיין.
ער האָט געעפֿנט דאָס שקעטעלע
און דעם קטיגור אַרײַנגענאָסן אין די רייד.

הכּלל, רבותי:
ווי לאַנג איז דער שיעור ציִען?
וואָס האָט עס פֿאַר אַ זין?
אַ פּאַטש אין שטענדער. מײַן גמרא־מלמד
גיט אַרויס דעם פּסק־דין.
ער ווייסט אַלץ. געהערט — וואָ׳ דען? —
פֿון מײַנע געריבענע שטיק.
אַ, ער קען דעם ווילן אַנטיק.
אָבער אַ קאָפּ האָט ער אַ שאַרפֿן
און אַ האַרץ אויך נישט אויף אַרויסצוּוואַרפֿן.
און די רייד זײַנע — פֿאַרט גאָטס מתּנה.
בכן קומט ער צו דער מסקנא:
ער נאַרײַעט
אַרײַנצונעמען צוויי אָפּגעקליבענע
שורות מײַנע אין פּײַעט.
מ׳טאָר נישט זײַן אַזאַ אַכזר.

קומען קומט אים טאַקע שמײַסן,
אָבער ער האָט פֿאַרדינט אַ פּיצל אָרט אין מחזור.
אויף מיר די עבֿירה און די פֿאַרדראָסן.
מײַן גוטער זיידע האָט זיך אַזש פֿון נחת צענאָסן.

מיט פֿערד ווי די אָדלערס
האָבן די שורות מײַנע
די ימים נוראים אָנגעיאָגט.
און נאָך דעם זעלביקן ראש־השנה
האָבן ייִדן מיך געזאָגט!
גוואַלד, ייִדן האָבן מיך געזאָגט!
גוואַלד, ייִדן האָבן מיך מיט כּוונה געזאָגט!
צוויי איינציקע שורות מײַנע אין שול געזאָגט!

און איך האָב מיט אַ געבראָכן הארץ
אין פּאָליש געהערט,
ווי הויך און קלאָר
ייִדן האָבן זיך מיט מײַנע צוויי שורות
אויסגעבעטן אַ גוט יאָר.

דרײַ

גנבֿע זיך אַרײַן אין סידור
ווי אַ בלינדער פּאַסאַזשיר,
פֿאַסט, און אָן אַ ביסן עסן
פֿאַר גאַנצע מעת־לעתן

בּיז צום ברעג.
ליג אײַנגעלייגט אין דײַן באַהעלטעניש.
גיב זיך נישט קיין ריר דעם גאַנצן וועג.
און אויב דו וועסט נאָר מיט אַ גלײַך וואָרט
אַרײַן אין ריכטיקן אָרט
און דאָס סידורל
מיט יִדישער פֿרייד באַשטראַלן,
וועט זײַן פֿאַרפֿאַלן.

דאָס סידורל וועט דיך מוזן
אויף אַלע אייביקייטן פֿאַרטראָגן,
און מ׳וועט דיך אויך דאַוועגען,
דיך אויך זאָגן.

אייניקל־דורות

אָ, טײַערע ייִדישע אייניקל־דורות,
דורות פֿון שפּיל און שטיפֿן,
כ׳מאַטער זיך איבער אײַער שריפֿט,
כ׳בלענד זיך די אויגן
איבער צוקונפֿטיקע הירֹאָגליפֿן.
און כאָטש אַלץ איז שיין געדרוקט,
זענען די אותיות פֿאַרצוקט,
און נאָך גרעסערע פֿאַרדרוסן
ווי אָפּגעריבענע טויזנטיאָריקע פּאַפּירוסן.

אויבן אויף זעט אַלץ אויס
קלאָר און פֿאַרשטייִיש.
אָט ווערט מיר ליכטיק
אין די אויגן.
ס׳דאַכט זיך, ס׳איז נישט שווער,
ס׳איז ענלעך אַפֿילו
אויף ייִדיש, העברעיִש.
ס׳גיט אַ בליץ אויף
אַ היימישע טרער, אַ שמייכל,
אַ זין, אַ פּשט, אַ שׂכל.
אָט האָט איר עס!
אָבער באַלד ווערט דערפֿון
לאָפּעטעס מיט קאָטשערעס.

אייניקלעך מײַנע, וואַרט אַ ווײַל,
וואָס איז ס׳געאײַל
פֿון מיר אַזוי גיך צו אַנטלויפֿן?

ס׳דאַרף דאָך לכל-הפחות פֿאַרלויפֿן
אַ צענדליק יאָר
וואָס זאָל געבן
אָרט, צײַט און פֿאַרנעם
צו לעבן פֿאַר אונדז ביידן.
איך בין אַזוי ווײַט נישט אַנטלאָפֿן
פֿון בעל-שם,
ווי איר אַנטלויפֿט פֿון אײַער ציידן.

דערמאָנונגען

פֿאָרנדיק אויף אַ באַזוך
בין איך דעם גאַנצן וועג
געווען פֿאַרטאָן, טראַכטנדיק
פֿון די לאַנגע אַרבעט־שעהען,
די נישט־אָנגעוואַרעמטע
אײַזערנע אויפֿשטעלבעטן,
קאַלטע, דרויסן־פּריוועטן;
פֿון דעם קאַרגן אײַנשפּאָר,
נישט־פֿאַרגין און פֿאַרמײַד,
פֿון די דאָלאַר־צו־דאָלאַר־קלײַבער,
די תּכלית־באָרדערס אָן די ווײַבער
אויף דער אַמאָליקער איסט־סײַד;
דעם טרונק־און־עס
פֿון אַ בים קאַלטן קאַווען,
אײַנגעזײַערטער, געפּעסלטער
דערקוויקעניש;
היץ־שטיקעניש, אָנגעגליטע דעכער;
פֿון דעם שטינקענדיקן כלומרשטן פּעכער,
דעם איסט־ריווער,
פֿון עלים־אײַלאַנד, דעם אָנקום פֿון לאַנג דערוואַרטע,
דער פֿײַנלעך אויסגעצאָלטער שיפֿסקאַרטע;
פֿון די שוויצשעפּער, די שווינדזוכט־לײַדער.

פֿון דעם אַלץ האָב איך געטראַכט
ווען איך בין געפֿאָרן אויף באַזוך
צום ייִדישן היסטאָריקער בן שנײַדער.
ער וווינט פֿאַרדאַרפֿט אין אַ העק,
וווּ אַ ייִד איז נישט געשטויגן נישט געפֿלויגן.

אָן אַ פּלעק פֿון אַ שול, אַ תּלמוד־תּורה, אַפֿילו אַ סינאַגאָגע.
זענען זײַנע קינדער ווויל דערצויגן.

ער האָט מיך פֿריילעך באַגעגנט מיט זײַן בולדאָג
און מיך אויפֿגענומען פֿאַראַדיש.
און אַז מיר זענען געזעסן
בײַם מאָלצײַט דעם זאַטן,
האָב איך דעם היסטאָריקער דערמאָנט,
אַז ער האָט יאָרצײַט נאָכן טאַטן
און ס'קומט דעם אָרימען
איסט־סײַדער שנײַדער אַ קדיש.

ניט צו דערקענען

נישטאָ קיין ערגערע שטראָף
ווי ווײַזן אַ לעבעדיקן מענטשן אין שלאָף,
דאָס ציינישע פּנים פֿון זײַן אומשטערבלעכקייט.
דער גוף זײַנער איז כּמעט נישטאָ.
דאָס ביסל זײַן איז נישט זײַנס.
ער קאָן עס קוים דערקענען.

ס׳נעמט אים אָפּ דאָס לשון.
ס׳רעגנט צווישן הימל און ערד.
ער דערקענט בלויז די אָפּגעטראָגענע קאַלאָשן,
וואָס ער האָט אַוועקגעשטעלט,
איבערגעלאָזט אויף דער וועלט.
דאָס פּנים זײַנס איז אַ ציטאַטע.
די ליפּן רירן זיך,
ווען מען דערמאָנט זײַנס אַ פּסוק.

אַזוי זעט אויס די אומשטערבלעכקייט אונדזערע,
וואָס מען פּוצט אויס פֿאַר אונדזערע אויגן,
אין די צענטערס, סינאַגאָגן.
מ׳לערנט די אייניקלעך זאָגן אַ פּסוק.
מיר זוכן די ענלעכקייט.
ס׳איז פֿאַרדראָסיק.
מיר דערהערן, דאַכט זיך,
מיר כאַפּן, מיר דערקענען.
אָט גיבן מיר אַ רוף —
נישט אונדזער נשמה, נישט אונדזער גוף.

שוין באַלד

מיר האָבן שוין באַלד אָנגעווירן אַלע ווערטער.
די שטאַמלמײַלער ווערן אַט אַנטשווייגן.
דער ירושה־זאַק איז ליידיק. פֿון וואַנען קריגן
דעם הייליקן פלאַפל פֿון באַשערטער
פֿרייד? דעם קינדס גרימאַסן
זענען אַ פֿרעמד להכעיס־לשון
און אין דער טונקל פֿאַרפֿאַסן
מיר בליצרייד וואָס ווערן פֿאַרלאָשן.
און אַש ווערט זייער מיין.
און אַש ווערט זייער מיין.

די קרוין

דאָס געזאַנג אין מײַן קול וואָס איז מעבֿיר מיטן טראָפּ,
דער ניגון פֿון זכּרון, דאָס נאָגנדיקע ברומען,
די דורכגעזילבערטע קרוין וואָס דו זעסט אויף מײַן קאָפּ,
פֿון וואַנען האָט זיך עס צו מיר גענומען?

פֿון וואַנען?

מיט אַ ווילדן שטיף,
מיט יִנגלישן ווילן,
מיט וואָסערע פֿערציק יאָר צוריק,
דורך אַ פֿענצטערל פֿון שיף,
האָב איך אויף די וואַסערן געשיקט מײַנע תּפֿילין.
ווי אַוועקגעלאָזט ברויט איז די קרוין צוריקגעקומען.
נאָך אַ סך יאָרן איז די קרוין אַ פֿאַרנעצטע צוריקגעשווומען.

אַ זילבערנע קרוין.

אַ נאָך ניט אויסגעבריט איי
איז גאָטס טרויער פֿאַר מײַן טאַטנס שוועל געלעגן,
ווען מיט אַ שווער האַרץ, אַ האַלב טרוקענעם לאָגל
האָב איך זיך געלאָזט אויף די וועגן.
אָפּגעריסן, עלנט און באַזונדערט,
האָב איך אָנגעהויבן מײַן וואָגל
דורך דעם אימהדיקן מידבר פֿון אונדזער יאָרהונדערט.
אָ, פֿערציק דערנער פֿון מײַן יאָרהונדערט.

אַ גאַטזוכער, האָב איך געטאַפּט אַ בלינדער מיטן שטעקן
און געשיקט אויסגעמיטן דעם מנין אין קלויז.
מײַנע גאָטגעשטאַלטיקע טאַטע־מאַמע
האָב איך ניט איין מאָל אויף די װעגן אָנגעטראָפֿן.
,דײַן ייִדישער קאָפּ איז נאַקעט און בלויז׳ —
האָב איך געהערט זייער שטראָפֿן.

דײַן ייִדישער קאָפּ, קינד.

אָ, לאָז אַוועק דײַן ברויט אויפֿן וואַסער,
די רצונות פֿון דײַן צובונד
אין טיפֿסטן אָפּגרונט וואַרף אַרײַן.
וואַרף. וואָס האָט עס פּאַר אַ זינען?
אין אַ סך טעג אַרום וועסט עס געפֿינען.

וועסט עס מוזן געפֿינען.

איצט זענען מײַנע טאַטע־מאַמע באַלוינט.
מײַן קאָפּ איז באַקרוינט.
מיט גרײַזגרויער ייִדישקייט.

דער בכור דײַנער

הייבסט אָן ערשט רעכט טועם זײַן דײַן פֿאָטערשאַפֿט,
ווען די מיטעלע יאָרן באַשנייען דײַן געמיט.
דער גרויסער בכור דײַנער ליגט אין וויג.
דאָס פֿאַרקללהטע געביין דײַנס לעבט אויף.
דײַן טרויער־קלוג לעבן דאַרף זײַן דער זיג
איבער אַ באַשפּיגענעם פּה נטמן.

לעבסט און זינגסט אים ווי אַ מאָל צוקערדיקע קינדערלידער.
דײַן זונס ערשטע גרויע האָר
זענען לעגענדע־בליצן,
ער ווערט עלטער און מידער.
אַזוי וועסטו איבער אים זיצן,
ביז וועסט אַליין ווערן אַלט און שלאַף,
אָבער וועסט פֿאַר אים פֿאָרט איבערקריצן
די פֿאַרמעקטע ווערטער פֿון דײַן עפּיטאַף.

באַשטעטיקט

מײַן זונס גרויע האָר האָבן מיך געמאַכט צו נאַר,
מיר דערלאַנגט אַן אויסגעפּליקטן קאַלענדאַר
און באַשטעטיקט.
באַלד שטעלט זיך אָפּ די מיל.
כ׳האָב אַ סך, אַ סך פּאַרשפּעטיקט.
כ׳זיץ בײַ מײַן זונס בעט
און הייב אָן אויף גיך דעם איבערשפּיל
פֿון זײַן זיידנס געשטאַלט,
פֿון יידישע יאָרן און שטעט.

טײַערער זון מײַנער, ווערסט אַלט,
דײַן טאַטע קאָן דײַן פֿרעמדקייט ניט דעריאָגן.
באַלד און מיר וועלן ניט פֿאַרמאָגן קיין משפּחדיקן חלום,
קיין פֿאַרשטענדיקן באַשייד,
ניט לויט פֿרויד, ניט על־פּי דײַן באָבעס
אָפּשפּרעכערישע רייד.

טרויעריקע חשיבֿות

דאָס טרויעריקע חשיבֿות פֿון דײַן צאַנקנדיק וואָרט
ווער וועט אָפּשאַצן?
מײַן זון איז פֿול מיט חשבונות.
ער מעקט און שטעלט
דעם באַשטאַנד פֿון זײַן וועלט.
דײַן קרוין איז פֿאַרבלײַט.
די ביטערע צײַט האָט זי פֿאַרטונקלט.
דײַנע טרייסטן זענען פֿאַרמעקט און פֿאַרגעלט.

וועט דײַן עלטער פֿאַרוויגן
אַ נאַכט אָן ניגון?

זונטיק־שטעטל

רבי לוי יצחקס בעל־עגלה
וואָס שמירט די רעדער מיט סמאָלע,
אָנגעטאָן אין טלית־און־תּפֿילין,
האָט זיך אין דעם מידן,
אײַנגערויקטן זונטיק־שטעטל
פֿאַרשטעלט פֿאַר עטלעכע ייִדן
וואָס שטייען אַרום זייערע הײַזער,
וואַשן די אויטאָמאָבילן,
טאַשן איבער בעת־מעשׂה
דעם סך־הכּל
פֿון נעכטיקן צדקה־פּינאַקל
אין צענטער.

אַ שטילע האַנט פּיטערט דעם טרויער
פֿון כראָנישער רו,
וואָס באַפֿאַלט דאָס שטעטל
איין מאָל אַ וואָך,
מיט דער מאָנאָטאָנער לאָגיק
פֿון איין מאָל אין זיבן.
דער ווײַזער אויף דעם קליינעם סקווער
קריכט פֿאַרטאָגיק.
אַ קלויסטערגלאָק וועקט פֿאַרזיכטיק
אַ גאָט אַ פּאַסיון.
פֿון די פֿענצטער הייבט אָן עיפּושן
מיט חזיר־גריוון.
ס׳גייען שכנים אין קלויסטער.

די פֿאַרשטעלטע בעל־עגלות
באַשפּריצן שטילער די רעדער,
שנײַדן דעם שטראָם פֿון דער קישקע,
ס'זאָל נישט מאַכן קיין טרעוואָגע.
און יעדער זוכט, פֿאַרלוירן,
שוץ בײַ דער עלנטער סינאַגאָגע,
וואָס איז אין שטעטל פֿאַראַנען
און וואַרט נעבעך אויף יום־כּיפּור.

די זונטיק־ייִדן שמייכלען
צו די שכנים ווי מאַראַנען.
דער קלויסטערגלאָק גיט אַ טאָלעראַנטן היפּער
פֿאַרבײַ ייִדישע טויערן.
זיי האָרכן צום קלויסטער
מיט אָנגעשפּיצטע,
דערשראָקענע אויערן.

פֿאַרשווערכונג

דער זונטיק־שבת איז קלוג
ווי אַ גאַנצע ציַיטונג.
אָבער אומרויִק איז ער.
די מנוחה איז אים אַרויס פֿון די ביינער
ער זיצט לעבן מיר,
ער קאָן נישט איַינזיצן פֿון אומגעדולד.
ער לערנט מיט מיר אַ פרק וועלט
און ווייסט אַזוי וויל
יעדער פֿליגנפֿלעק אומגערעכטיקייט
אויף דעם מינדסטן ווילדסטן אינדזל.
און איך האָב קוים כּוח צו פֿאַרטראָגן
דעם רויך פֿון מיַין אומגליק.

דער זונטיק־שבת צערט זיך,
ער איז נישט טועם קיין טשאָלנט,
וויַיל ער היט די טאַליע.
ער זיצט לעבן מיר אויף האַלב זיצפֿלייש,
שפּאַרט דאָס ברומענדיקע קול.
ער דאַרף נאָך היַינט רעדן פֿון באַלעמער
צו אַ ברייטער, אויפֿגעפּראַלטער,
אויפֿגעצאַמטער וועלט.

אַ שטילער ייִד מיט פֿאַרטרערטע אויגן
פֿאַרפֿעסטיקט זיך עקשנותדיק
אין אונדזערע שוואַרצאַפּלען,
איידער ער שטעלט זיך דאַווענען מנחה.

דער זונטיק־שבת מעקט אים אָפּ,
פֿאַררעדט אים מיט אַ גוטער דיקציע
און פֿאָרמולירטע רייד וועגן וועלט־גערעכטיקייט.

דער ייִד לאָזט זיך נישט באַזיגן,
ער פֿאַרפֿאַנצערט זיך מיט דבֿיקות.
דאָס אַלטשאַפֿט פֿון זײַן פֿאָלק
טראָגט ער ווי אַ טלית אויף גענייטע פּלייצעס.
ער קוקט אויף דעם זונטיק־שבת
דערשטוינט ווי אַ דערשראָקן קינד
און זעט ווי ער שטאָפּט אָן
אַ פּולע ליולקע
מיט רעטאָרישן שווײַגן.

צו לאַנגע טעג

דער אויטאָמאָביל פּרעסט שטיקער
תחום-שבת
און איז זיי עלעגאַנט מחלל.
ס׳יאָגט זיך אַ צוריקגעצויגענער געשעפֿטסמאַן אין שול,
ווו מען איז מתפלל
אויף געזונטע און לאַנגע טעג.

דער אויטאָמאָביל קאָן גוט דעם וועג.
דער געשעפֿטסמאַן געדענקט שוין נישט
פֿון זײַן חולאת דעם נאָמען.
ער פֿאָרט מיט אַלע
זײַנע קרעכצנדיקע סימפּטאָמען
צו גאָט אויף אַ וויזיט.
ער שטעלט אָפּ די מאַשין,
גייט צו פֿוס עטלעכע טריט
אין שול אַרײַן.

ראש־השנה

מײַן גלויבן, מײַן אומגלויבן,
אַפֿילו קיין אַקער לאַנד נישט
אין גרויסן גבֿול פֿון צעשטערן און בויען.
איך בין אָבער קיין מאָל נישט געווען קיין געצנדינער,
נישט מחלל געווען די איבערנאַטור
מיט פֿאַרגלאָצטן פֿאַנטעזיזם,
מיט גאָט־פֿאַרקלערן.
אין אַלע פֿאָרכטיקע טעג
זאָל עס מיר גערעכנט ווערן.

אויב ביסט אַוועק פֿון מיר
אין אומברענג, קאַטאַקליזם,
האָב איך דיך צו מאָל געזען
דורך דעם פּריזם פֿון מײַן האַנט.
מײַן אמונה האָט זיך נישט געגליטשט אויף גלאָז.
איך בין קיין מאָל נישט געווען רעליגיאָז.
כ׳ווייס נאָך אַלץ נישט, ווי מען איז מתפּלל
צו אַ גאָט, וואָס אַ דריטל פֿון זײַן פֿאָלק איז פֿאַרטיליקט,
וואָס האָט אונדז גלײַך באַוויליקט
אַ ווינקל פֿון אומרו
מיט אַלטע קנייטשן און נײַע דאגות.

גיי אַרויס, מײַן באָרוועס קינד, אין פֿעלד שפּאַצירן
און פֿיר אַרײַן דאָס נײַע יאָר,
אַ קליין קיעלע אויף אַ זילבערן שטריקל.
זעץ זיך אַוועק מעלקן
ישועות ונחמות פֿאַר דער וועלט,
און איך וועל טרינקען די פֿרישע פֿרייד,
וואָס וועט שוימען איבער דײַנע פֿינגער.

יעקבֿ
גלאַטשטיין

פֿאַרגלייב מיך

פֿאַרגלייב מיך מיט דער קינדישער טײַטש
פֿון האַרציקע תּפֿילות.
יעדער וואָרט איז אַ טויב
וואָס קלויבט קערנער אין שטויב
צווישן אונדז איידער זי גיט אַ פֿלי.
דו אַליין גיב מיר צוריק די נשמה
אַלע אין דער פֿרי.

פֿאַרקניפּ צוריק מײַן לעבן מיט דיר,
שרומפּ אײַן דײַן גרויזאַמען אומענדלעך
און מאַך זיך פֿאַרשטענדלעך
צום שׂכל פֿון אַ קריאַת־שמע־קינד.
גיב אַ לאַך אַרײַן אַלע אין דער פֿרי
אין מײַן פֿענצטער
און פֿאַרשווינד.

תּפילה

די טײַטש פֿון מײַנע שענסטע ווערטער
פֿאַרנאַרישט מײַן תּפֿילה צו דיר.
מײַן לויב ווײַרעכט די לופֿט מיט געצעגערוך.
כ'דאַוון צו דיר פֿון אַ שטומען סידור,
מײַן טרויעריקער גאָט.

דאָס מינדסטע בלימל גיט דיר מער נחת
ווי דער גאַנצער זעקסטאָגיקער באַשאַף.
די אינערציע פֿון אונדזער משחיתדיק לעבן
איז דײַן קלענסטע זאָרג.
גיסט אונדז טויזנטער יאָר אויף באָרג
און פֿאַרהוילסט דײַן פּנים פֿון אונדז.
די ווענט פֿון אונדזערע הײַזער
טריפֿן מיט שטות.

מיר קאָנען אַפֿילו נישט דעם אלף־בית פֿון קדושה.
וויפֿל טויזנטער לעבנס דאַרף מען
כּדי זיך צו דערטראַכטן צום פֿוסנבענקעלע פֿון דײַנס אַ שמייכל?
כ'דאַוון צו דיר פֿון אַ שטומען סידור,
מײַן טרויעריקער גאָט.

ביסט נישט פֿאַרכטיק. ביסט נישט בייז.
ביסט בלויז ווײַט פֿון אונדז,
ווען מיר פֿאַרשווענכן יעדער רגע לעבן.
וויפֿל בליץ אייביקייט ס'איז אַרײַן אין אונדזערע נאָזלעכער,
איז עס מער נישט ווי זיכערער חורבן.
כ'דאַוון צו דיר פֿון אַ שטומען סידור,
מײַן טרויעריקער גאָט.

יעקב גלאַטשטיין

באַשערט

דאָס טרויעריקע ענגשאַפֿט פֿון באַשערט,
די דלת־אַמות פֿון קליינעם ליכט,
פֿאַרמאָגן אַ בליציקן אומגעריכט,
און צוימען פֿאַלן, ווערן צעשטערט.

קלעטערסט אַריבער וואָרט,
אַריבער אַלץ וואָס איז דיר געשענקט.
אויסגעחלומט און אויסגעבענקט,
ווערט עשירות
פֿון אַלץ וואָס איז צוגעשפּאָרט.

עטלעכע שורות

עטלעכע ציטערדיקע שורות אויף דער דלאָניע.
כ'האָב זיי לאַנג געהאַלטן
און געלאָזט דורכרינען דורך די פֿינגער
ווערטערווײַז.

די שטאָט האָט מיך אָפּגעדעקט.
געהערט, געזען, געשפּירט,
שטיי איך פֿאַרשטריקט
אין אַ גרויסער געפֿאַנגענשאַפֿט.
וואַרף מיך ניט אַוועק
אין מײַן געפּלעפּטער שרעק.

ס'גאַנצע געזאַנג איז דורכגערונען.
מײַן אַליינקייט האָט די גאַס פֿאַרפּרעכט.
די טעלעוויזיע־שויב שפּיגלט אָפּ מײַן יעדער וואָרט
מיט אַ זעץ פֿון געלעכטער.
די איינזאַמקייט פּאַסט מיר ווי אַן אַלטמאָדיש נאַכטהעמד.
וואַרף מיך ניט אַוועק
אין מײַן געפּלעפּטער שרעק.

מײַן מי

פֿאַר װעמען מײַן מי?
פֿאַר װעמען מײַנע לידער?
פֿאַר דרײַ־פֿיר ברידער,
פֿאַר אַ מײדל פֿון ניט־הי.
אָבער צו פֿאַרזעצן ס׳לעצטע העמד
און נישט קריכן צו דער פֿרעמד.

—קײנער װעט דײַן ליד נישט שעצן,
קײנער װעט דיך ניט איבערזעצן,
אַפֿילו איבער הונדערט און צװאַנציק, װינד און װײ,
װעסטו װאָגלען אין אומפֿאַרשטײ.

נו, אַ דאגה — אױף יענער װעלט,
כ׳גײ מיט אײַך אין געװעט,
איז גרײט פֿאַר מיר אַ קלײן געצעלט,
באַשײדן מעבל, אַ קרעכציק בעט.
אַ חבֿר, אַן אַלטער ייִד,
װעט קומען הערן מײַנס אַ ליד.
דער חבֿר װעט אַ גענײטן שמײכל טאָן דערױף
מיט זײַן ליכטיקן כּי־טובֿ.

אײַנגעהײליקט

אײַנגעהײליקט אין דער ערד
איז אַלץ וואָס איר האָט מיטגעבראַכט,
באַגראָבן צוזאַמען מיט דער ירושה.
אַ בושה צו דערציילן, ווי איר אַליין
האָט עס אויסגעלאַכט,
ווי איר האָט כּלומרשט בויענדיק צעשטערט.
אין טעאַטער־לידלעך ווי ווילע־יונגען
האָט איר אײַערע זכרונות פֿאַרזונגען.

כ׳זוך די פֿעדעם, די אורן,
אַ מורא צו זוכן אין די טיפֿן
די שפּורן,
אַז אַלץ וואָס זיידעס האָבן געשאַפֿן
איז אַזוי דערטרונקען — תּהומיש,
קלינגען בלויז אײַערע עפּיטאַפֿן
אַלטפֿרענקיש ערלעך,
אָבער יאַרמעלקעדיק־קאָמיש.

אַ גליק וואָס קדושה איז פֿאַרט אומצעשטערלעך
און הויך דערהויבן.
שפּראָצט אַפֿילו דאָ אַרויס פֿון דער ערד
אַ נאָך ניט דערקענטע
שטילע בענקשאַפֿט
און באַנײַטער גלויבן.

לעצטער בליק

אײַנגעטרויעריקט, פֿאַרשעמט,
אויסגעצערט נאָך אַ לאַנגן תּענית,
קומט דער ייִד נעענטער
צו די פֿײַערן פֿון געזאַנגען.
ער בלײַבט שטיין ווי אײַנגערעמט, געפֿאַנגען.
זײַן פּנים ווערט שטודירט
מיט טרוקענעם רחמנות.

וואַרפֿט אַ בליק אויף אים,
אַ לעצטן בליק!
אַזוי וועט ער שוין באַלד נישט אויסזען.
ווען אונדזער קינד זאָל וועלן קומען צוריק,
וועט אָט דער שוין זײַן אָפּגעוועזן.
ער וועט שוין דאָ נישט שטיין.

דאָס געוויין פֿון זײַן בוזעם-ספֿר
וועט מען קוים דערהערן.
די טראַגיקע, גבֿורהדיקע מיסטיק
פֿון זײַן זײַן איז באַזיגט.
ער קאָן זיך מער נישט ווערן
קעגן פֿלינקע, גוט געצילטע
שטיינער פֿון סטאַטיסטיק.
ער האָט מער נישט קיין ווידערשטאַנד,
זעט זײַן וואַקל.
מ׳האָט שוין בײַ אים אָוועקגערעכנט
דאָס לשון, דעם פֿאַרשטאַנד.
ס׳ברענען איצט ייִדישע אינקוויזיציע-פֿײַערן
דעם סך-הכּל.

ווי אַ פּאַסטקע

ווי אַ קליינע פּאַסטקע
שטייט אַ שולכל אין לאָנג־אײַלאַנד.
די דאַוועגערס זענען קליין אין צאָל.
ס׳האָט נאָך קיינער נישט אויסגעפֿונען,
צי גאָט לאָזט זיך דאָרט
אַרײַנכאַפּן אַ מאָל.

דעם ראַבאַים פֿרומקייט
איז קאָנסערוואַטיוו.
ער שיקט פֿון זײַן שטילער שול־סטודיאָ
צו גאָט אַ בריוו
אויף דעם אַלטן אַדרעס:
קום הערן, שבת, מײַן דרשה וועגן דיר,
נישט פֿאַרגעס.

די דאַוועגערס זענען קליין אין צאָל,
אָרט פֿאַר גאָטס כּבֿוד איז דאָ.
אָבער ס׳ווייסט קיינער נישט, אויב גאָט
כאַפּט זיך אַרײַן דאָרט אויף אַ שעה.

דער נבֿיא

ניט קיין ראָבן-געשפּייזטער,
נאָר אַ פֿאַרדינער אַ זאַטער,
דער נבֿיא פֿון הײַנט
איז אַ יונגער אָראַטאָר.
ער איז אַ פּסיכאָלאָג.
ער וועגט אַלץ אויף דער וואָג
פֿון לאָגיק און ציפֿער.

ער גראָבט ניט טיפֿער פֿון פֿאַקטן.
ער ווײַכט פֿון מיסטיק,
זײַנע ווערטער זענען רענדלעך-ציטאַטן.
ער דינט צו דער געטין סטאַטיסטיק,
ער וועט זי ניט פֿאַרראַטן.

ער קאָן די גאַנצע ווילע
טערמינאָלאָגיע פֿון מאָראַל.
די מצוות וואָס ער פֿאָדערט זענען הוילע.
ס'דונערט מיט אַפּלאָז דער זאַל.

הבֿה, לאָמיר

לאָמיר זיך אַרומוואָרענען
מיט אַ שטיקל פּאַרקן.
נישט קיין געטאָ חלילה,
נאָר אַזוי אַ שטילע וואַנט.
לאָמיר זיך אַוועקזעצן צווישן זיך
און מיט פֿאַרשטאַנד
אויסטראַכטן ווי צו שטאַרקן
אונדזערע אָפּגעשוואַכטע הענט.

דאָס דערוויילעכץ אונדזערס,
ווי אַ סוכּה צונויפֿגעשלאָגן,
צעפֿאַלט.
ס'איז אַלץ צעהויקערט, אָפּגעטראָגן
און אַלט.
מיר ווילן נאָך נישט אײַנשלאָפֿן,
מיט גוואַלט נעמט מען אונדז פֿאַרוויגן.
הבֿה, לאָמיר זיך אַן עצה געבן,
לאָמיר זיך קליגן.

כ׳רעד מײַן לשון

כ׳רעד מײַן לשון שורותװײַז,
די אונטערגײיענדיקע זון
פֿלאַמגאַלדיקט יעדער װאָרט,
און דאָרט װוּ איך שטײ
איז ס׳הײליקע אָרט.

לעבן מיר אַ שװערער ייִד
מיט אַן אַנטליִען פּנים
יאָגט מיך אונטער.
יעדער שורה פֿון מײַן מויל
פֿאַלט אויף זײַן קאָפּ אַרונטער
װי אַ הײסע קויל.

ער װערט מלא צאָרן.
איך דערגײ אים ממש די יאָרן
מיט מײַן אויסגעצװיגענעם פּאַמעלעך.
ער מאַכט פּיסקעס, ער װײנט,
ס׳װערט אים פֿאַרדראָסיק,
װאָס מײַן קדיש װערט פֿרײלעך
מיט יעדער פּסוק.
אַ שטיפֿער אַ פֿויגל אָמנ׳ט.

באַפֿעל איך יעדער װאָרט,
און אותו רגע װערט אַלץ דערהערט, פֿאַרבאַלדיקט.
װערט פֿון אומגעדולדיקן ייִד
אַן אַלטער, טויטער בוים,
ס׳גאַנצע הײליקע אָרט
װערט פֿאַרװאַלדיקט.

יעקבֿ גלאַטשטײן

די פֿריילעכע רייד פֿון קדיש בינדן זיך
און ווערן אַ שאַלונג, אַ טריומפֿליד.
אַלעביימערשפּיצן צינדן זיך
אין אַ דורכגעגליטן,
דורכגעשאָטנטן שלאָף.

האָט מען דאָס אַלץ געקאָנט ענדיקן אַ סך טרויעריקער,
נאָר אַ ליד מעג אויך האָבן אַ פֿריילעכן סוף.

קלייניקייטן

קלייניקייטן וואָס עלטערן און קאַרבן,
וואָס פֿאַרשטאַרבן דיך ביסלעכווײַז,
ווײַל זיי זענען געשעעניש אין צײַט,
זענען מלא טעם, ווען דו האַלטסט זיי נישט ווײַט,
ברענגסט זיי נאָענט צו זיך מיט אַלע קנייטשן,
ווי קליין זיי זענען, אָן סימבאָלן, אָן טײַטשן.
דו לעבסט אויף זיי ווי אַ פֿאַרחלומטע בין.
בלויז ווען דו קוקסט אויף זיך פֿון ווײַטנס
מיט אַ טעלעסקאָפּ,
הייבסטו אָן שטעלן דעם טראָפּ
אויף דײַן גדלות,
קענסט זיך גאָר ניט אָנגרייסן צו זעט
מיט זיך אַליין,
ווערסט אַ גאַנצער פּלאַנעט מיט קאַנאַלן און רעטענישן.

די קליינע טרעפֿענישן זענען דאָך דאָס אייגנסטע
וואָס דו האָסט אָפּגעשפּאָרט
און אָוועקגעוואָרט
אין די קערעלעך פֿון זכרון.
ס'האָבן די יאָרן נישט אָפּגעוועפּט
זייער טעם און אויף אייביק פֿאַרגעדענקט
זייערע געווינען און זייער לאַכן:
אַלץ וואָס מ'האָט דיר אַליין געשענקט,
נישט די אָנגעטראַכטע זאַכן,
נאָר רגעס געשעענישן,
זייער פּלאָטער און באַריר
און וואָס דו האָסט געטאָן מיט זיי,
ווען זיי זענען געקומען צו דיר.

6-טע סעריע –

פֿאַריאָרטע טעג

B.K.

פֿאַריאָרטע טעג

האָסט מיר יעדער טאָג פֿאַריאָרט
און מיר צוגעשפּאָרט אַ לאַנג לעבן.
זאָל איך בײַ דיר בעטן פֿאַרגעבן,
וואָס איך האָב אויף אַ גאַנצן גילגול
פֿאַרשפּעטיקט?
האָסט יעדער טאָג אָנגעזעטיקט
און מיט קלוגשאַפֿט
מיר אָפּגעצאָלט,
פֿאַר אַלץ וואָס איך האָב בידים
צעטאַכלעוועט און צעמאָלט.

אין דײַן האַנט טרוי איך מײַן רו.
אין דײַן גוטער האַנט.

כ׳האָב געטיילט מיט דיר דײַן נאַכטיק וואָרט
און געזען, ווי באַלאָדן דײַן פּנים ווערט
מיט חלום, מיט שלאָף.
כ׳וואַך אַליין אין קרײַז פֿון מײַן שטראָף,
וואָס מוז פֿאַר אונדז ביידן אַן אָרט געפֿינען.
דײַנע גלידער טונקלען,
די נאַכט רעמט אײַן דײַן קאָפּ.

אין דײַן האַנט טרוי איך מײַן רו.
אין דײַן גוטער האַנט.

געטרײַע זינד

מײַנע געטרײַע זינד,
איך האָב אײַך קײן מאָל נישט אמת געזינדיקט
און אײַך נישט געטאָן
ווי מען טוט מעשׂים טובֿים.
איך האָב אײַך תּמיד אָפּגעפּרעפּלט ווי אַ חובֿ,
איר האָט מיך נישט דורכגעדרונגען,
דורכגערייצט ביזן ביין,
ווי מצוות וואָס זייער זין
פֿלאַטערט אין געדעכעניש
ווי אַ גוטער, ווײַניקער פּסוק.

געבענטשט זאָלן זײַן די ליבע אויגן,
וואָס האָבן מיר פֿאַרמצווהט
שטיקער רוי לעבן, שטיקער גראָז,
וואָס אויף זיי רוט איצטער מײַן קאָפּ
און חלומט שאַרפֿע חלומות.

באַשערט ביסטו מיר געווען.
געבענטשט ביסטו מיר געווען.

אַ ליכטיקער בוים

די קילע לופֿט אַרום אַ ליכטיקן בוים
האָט מיר אַן איינציקע
ניט־פֿאַרגייענדיקע רגע געגעבן.
זאָל דיר דער געשאַנק זײַן אַ מאָס
פֿאַר אַ באַוווּנדערט לעבן.

מיט דער מתּנה מעסט דײַנע טריט.
פֿאַרגין זיך נישט די ווײַט.
זוך דעם ווירבל פֿון אייביקייט
אין דעם פֿויגלפּיק פֿון צײַט.

פֿאַרוויסט מער נישט דײַנע טעג און נעכט
מיט אַ זאָרגעוודיקער גריל,
טראַכט אַרײַן די געשענקטע רגע
אין דײַן געמיט — און לעב שטיל.

איצטער ביסטו בכּוח צו ווערן אַ גבֿיר.
לערן זיך אויס מיט אַ באַריר
אַ באַזונדערע רגע אָפּצושפּאָרן,
אַ באַשייד פֿון אַ חלום צו פֿאַרוואָרן.

איז וואָס, אַז ווי אַ קלוגער האָן
זוכסטו אויף די וועגן
קערנדלעך דימענטמאָן?
באַצווילינגטער באַגרים פֿלאַטערט דיר אַנטקעגן.

און ווער ס׳זעט ניט די פּיספּינגער
דורך דעם טרעט פֿון וואַרעמע שיכלעך,
ווער ס׳ציילט נישט
זייער קינדישן צאַפּל,
האָט סײַ ווי בלויז געלייענט פֿון ליבע
אין ביכלעך
און אַליין קיין מאָל נישט דערגרייכט
דעם שטאַפּל.

די שעה

מײַן טײַערע, די שעה פֿון דערלייז
הויקערט אונדז אײַן.
מיר האָבן נישט קיין כּוח
די נסיונות צו פֿאַרטראָגן.
מיר עפֿענען ספֿרים. מיר געדענקען זאָגן.
ס'שווײַגן אויך די נבֿיאים מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם.
ס'בלענדט אונדז דער שײַן
פֿון אויפֿגאַנג און טאָגן.
מ'הערט נישט קיין שעלטן און שטראָפֿן.

און דו און איך לאָמיר אונדזער מידקייט באַזיגן
און די גאולה שלימה נישט פֿאַרשלאָפֿן.

ווי מידע ביימער

די נאַקעטע חוה האָט מיט מיר געטיילט
דעם לעצטן ביס פֿון עפּל.
אַ פֿאַרשעמטער האָט גאָט זיך פֿאַרשטעלט
פֿאַר אַן עלעקטריש קנעפּל.
איך האָב עס געגעבן אַ באַריר,
ס׳איז געוואָרן ליכטיק
צווישן מיר און איר.

געבענטשט זאָלסטו זײַן,
האָב איך איר געזאָגט.
כ׳האָב פֿאַרחלומט אין זיך אַ מידער
אַן איינציקע רגע,
מיט אַזוי פֿיל ערשטיקן טונקל
אין מײַנע גלידער,
פֿון אוצר פֿון יענע געציילטע טעג,
וואָס האָבן זיך ביסלעכווײַז גענומען זאַמלען
מיט יעדער טריט אויף אונדזער וועג
אין שטיקער צײַט;
פֿון יענע נאָגנדיקע שטאַמלען,
וואָס זענען געוואָרן באַטײַט.
דערמאָנסט זיך?

דערמאָנסט זיך,
ווי מיר האָבן זיך געפֿעדערט
און געקומען יונגערהייט,
אָבער גאָט האָט שוין פֿאַר אונדז
אַלץ געהאַט צוגעגרייט.

ווי פֿרי מיר זענען געקומען,
איז ער געקומען אַ ביסל פֿריִער.
מיר האָבן תּמיד געפֿרעגט:
ווער איז געווען ערשט, ער צי מיר?

מיר האָבן שוין געהאַט
אַ גאַנצן וואַלד מיט זינגענדיקע פֿייגל,
שטאַרקע חיות און געטרײַע ליכט.
און אַלע מאָל איז ער צווישן אונדז
אויסגעוואַקסן אומגעריכט.

דערמאָנסט זיך?
מיר זענען געזעסן אויף דער ערד,
געגעסן די ערשטע פֿרוכט פֿון שוויים.
געפּלאַפּלט. אַ פֿאַרדרימלטער
האָט ער זיך צוגעהערט.
ס׳איז געווען קוים, אָקערשט ערשט,
ס׳איז זיך נאָך גאָרניט פֿאַרלאָפֿן.
ווי מידע ביימער זענען מיר
איינער אין אַנדערן
שטענדיק אַרײַנגעשלאָפֿן.

אײַנגעזינדיקט

איך בין געקומען צו דיר אײַנגעזינדיקט
ביז איבערן גאַרטל,
דו האָסט עס אַזוי פּשוט פֿאַרגעבן,
מיט די זינד פֿון אײגענעם לעבן.

ניין, נישט קיין פֿאַרקאַלטנטע בעל־תּשובֿות
זענען מיר,
נאָר ליכטיקע גײערס אױף הײסע װעגן.
אָט באַלד, מיר מוזן דערגרײכן.
אויב ס'איז ערגעץ נאָענט אַ קילער אײביקער װאַלד,
װעלן מיר זיך שױן צו אים דערפֿרעגן.

מיט מײַן דור

באַגלײטערין מײַנע, זײַ מיר אַן אָנשפּאַר.
האַלט מיך פֿעסט. לאָז מיך נישט מאַכן צו נאַר.
גיב מיר שטאַרקײט אין מײַן פֿאַרמאַטער.
מיר זיצן שױן אין זעלביקן פֿינצטערן טעאַטער
מיט מײַן דור. ס'װערגט מיך אַ קהלשע טרער.
ס'צעגײען אין מיר און ס'גלעטן
אַלע זײערע זיסע באַנאַליטעטן.
ס'װערט שװער מיר און װאַרעם.
דער גאַנצער האַרעם פֿון מײַן בענקשאַפֿט פֿאַרשװינדט
און צעטריפֿט זיך װי אַ ליכטל אין װינט.

שוין לאַנג

שוין לאַנג אויפֿגעגעבן
דעם אומזיסטיקן פֿאַרמעסט
מיטן זיכערן טאָג.
זינט איך בין אַוועק
אויף אייגענע קעסט,
איז אַלץ וואָס כ׳האָב פֿאַראיבריקט
און פֿאַרמאָג
שטייט איַין אין משוגענע הענט:
אַ דאַך איבערן קאָפּ,
פֿאַרשריבענע, באַמאָלענע פֿיר ווענט,
אַ לעפֿל געקעכטס,
עטלעכע אָפּגעקליבענע אייגענע רייד,
און ס׳איינציקע ביסל רעכטס,
אַ מיידל מיט גדולדיקער פֿרייד.

כ׳בין תּמיד געווען
אַ געדונגענער אָרעמאַן.
די משוגענע הענט
האָבן מיך געהאַלטן אין שפּאַן
און געוואָרגן,
אַרויסגעשלייַדערט פֿון פֿאַרחלומטן בעט
יעדער קוים אויסגעבלויטן מאָרגן.

גאַנץ אָפֿט בענק איך שטאַרק
נאָכן טאָג ווען אַ משוגענע האַנט
וועט מיך אַ פּאַק טאָן בייַם קאַרק
און מיר נאָכוואַרפֿן
אַ ביטערע עלטער.
וועל איך פֿאַרגעסן מייַן פֿאַרהאָרעוועטן נאָמען,
צוזאַמען מיט מייַן מיידל בעטלען אַ פֿאַרשטעלטער
און זיך גאָרניט באַקלאָגן,
נאָר אויף ס׳נייַ טועם זייַן אַ פֿריש וואָרט
אויפֿן הונגעריקן מאָגן.

דײַן זילבערנער צוקום

אַ ווױלערישע לבֿנה שווימט אין טײַכל —
דײַן מאָרגנשאָפּט,
דײַן זילבערנער צוקום.
(איך בין שטום. איך בין גרייט דיר אַלץ פֿאַרגעבן.)

דו זינגסט אַ פֿאַרשײַט ליד
צו דײַן באַשערט, נאַקעט קליין לעבן.
(מײַנע פֿולע יאָרן וואַכן.)
דו לאַכסט, דײַנע נאָך ניט געהאַטע קינדער לאַכן.
ס׳לאַכט דער יונג, וואָס קומט דיך אומוואָרפֿן.
ס׳יאָגן זיך טעג אויף בליציקע שאַרפֿן.
דײַן פֿרייד איז ליכטיק אויך אין געוויין.

ס׳גייט אויף דײַן פֿאַרלאָזענער בויך.
(מײַנע זעטיקע יאָרן ציטערן.)
לויבסט און זינגסט צו אַלץ
וואָס קענסט ניט פֿאַרשטיין.
לאָזסט זיך ניט דאָס קליינע לעבן פֿאַרביטערן.

יעקבֿ
גלאַטשטיין

שטילקייט

די באַשערטע שטילקייט ווי יונגער שניי
ליגט אומבאַטראָטן פֿאַר אונדזער שוועל.
דו דרימלסט. דײַן חלום איז אַ קליין ליד
פֿון טאַנצנדיקע מיידעלעך.
דער טאָג עלטערט נישט, נאָר זעטיקט מיט לעבן.
די בייטן פֿון דרויסן זענען צעאַקערט מיט ליכט.
כ'חלום זיך אַרײַן ווי אַ שפּילקאַסטן
אין דײַן ליד.

דײַנע אויגן עפֿענען זיך און פֿאַלן צו.
דײַן שמייכל בויערט זיך דורך
ווי אַ נײַ געבוירן פֿלאַטערל
און טאַנצט אויף דײַן שלאָפֿנדיק פּנים.

צו מיר קומט

צו מיר קומט דײַן טרויער
מיט אַ הייליקן ניגון.
דײַנע מעשׂים, לײַכט ווי פֿליגל,
די מאַמע דײַנע אין וויגל פֿאַרוויגן.
איך בין ניט צו אַלט
צו הערן דעם ניגון.

ניט די נאַכט אַזאַ חלום פֿאַרמאַגט,
נאָר דו שפּינסט אים צוקאָפּנס
אַ געזאַנג, אַ געשאַנק,
דאָס האָסטו דער מאַמען
אַ גוטע נאַכט געזאָגט
און אײַנגעגעבן טראָפּנווײַז דײַן קול
ווי שלאָפֿגעטראַנק.

געשטאַרקט זאָלסטו זײַן,
דײַנע הענט, דײַנע פֿיס
זענען מצוות פֿון שיינקייט.
כ'האָב געזען, ווי דו האָסט געזאַלבט
דער מאַמעס אַלטן גוף,
פֿאַרקרענקט אין פֿאַרשרומפּענער קליינקייט.
דײַנע פֿיס, דײַנע הענט זענען מצוות.

וויג אײַן דעם קראַנקן טרויער צווישן אונדז,
וואָס איז ווי אַ מתּנה אונדז געגעבן.
כ'בין ניט צו אַלט, זיך צו לערנען בײַ דיר
דעם טראַף פֿון אַ געעלטערט לעבן.
כּבֿד! ווען די מאַמע ווערט אַ קינד
אויף איר וועג דעם פֿינאַלן,
טראָגט די טאָכטער מיט געטרײַען אָפּצאָל
דער מאַמעס רענאַלן.

שעמעוודיקער בעכער

די גילדענע קרוין דעקט צו
דעם שעמעוודיקן שבת-בעכער.
דער אַראָמאַט פֿון רויטער פֿײַכטקייט
ווײַניקט-דורך דעם הייליקן ווילן.
די דרימלענדיקע פֿלאַש ציטערט אויף
מיט אַ קידוש אַ שטילן.

די מלכּה שבת נידערט אויף זינגענדיקע דעכער.

די ברכה איז פֿול, דער בעכער איז גרייט.
מיט ניגון פֿון שול קומט די פֿלאַש נעענטער
מיט פֿאַרעקשנטן ווילן.
די מלכּה שבת באַשטייט
און זאָגט אָמן.

זי פֿאַרדעקט מיט איר קרוין
דעם בעכער דעם שטילן.

באַוווּנדער

ער האָט זי אָוועקגעזעצט פֿאַר אַלעמענס באַוווּנדער
און יעדער באַזונדער קומט צו איר
מיט זײַן פֿאַרנייג און באַריר.
פֿון ווײַטנס זעט ער אַצינד,
ווי זי קען זײַן קלוג
און מיידליש קיניגן איבער אַ הויזגעזינד
פֿון אַרומגערינגלטן מענערישן ווילן.

ער געטרויט איר דעם ריזיקאַלישן וועג.
איר קול איז פֿאַרטרוילעך
צום גאַלאַנטן געיעג און פײַקלען פֿון בלוט.
און אין איר בליק דעם שטילן
איז פֿאַרווײַבט צו אים אַליין
געטרײַשאַפֿט,
וואָס איז ווי אַ שווערער שטיין
אויף אַ ברונעם,
וואָס בלויז איין יעקבֿ
קאָן אים אַראָפּקויקלען.

גוטסקייט

דײַן גוטסקייט איז דײַן יונגשאַפֿט,
ס'נעמען אויף די נײַגעריקע ווענט
דאָס געזאַנג אין די אָדערן,
וואָס גיט דײַנע מידע הענט אַזוי פֿיל
ליכטיקע באַנײַונג.

דער פּאַרמעט פֿון פּנים
ווערט טאָג-טעגלעך איבערגעשריבן
מיט געלעכטער-רייד
אויף קליינער קינדישער פֿרייד,
וואָס איז שטראַלנדיק און וואַרעם.

די טיר אונדזערע שטייט אָפֿן,
די אורחים קומען מיט געשאַנקען.
דער טיש מיט די עסנס און געטראַנקען
איז זייערער.
דער שמועס איז באַטעמט
מיט ניט-איבערגעשפּיצטער קלוגשאַפֿט.

און ווו דו זיצסט
פֿאַלט אויף אונדז אַלעמען
דער פֿינקל פֿון דײַן קרוין.
די זײַד פֿון דײַנע באַהאַלטנסטע געדאַנקען
איז פֿרום מיטן שאָרך
פֿון פֿאַרגינערישער פֿרײַנדשאַפֿט.

אַ נס

כ׳נאָג די גראָזן פֿון די שטילע טעג.
אַ קליינע פֿרייד געשעעט ווי אַ נס.
ס׳האָט טויזנט חנען אַן איינציקער מעת-לעת
און גרויס ווערט אונדזער דלת-אַמות —
אַ ברייטער וועג
מיט שטעגן געשפּרייט צו אַזוי פֿיל
נײַע וווּנדער.
קיין איין רגע גייען מיר ניט באַזונדער.
אין צווייען ווערט יעדער געלעבטער ציטער
אַן אוצר, אַ געווירטער פֿון אינהאַלט.

מיר ווערן אַלט
מיט שפּרודלדיקן נײַגער,
אַז קיין איין רגע
קאָן זיך נישט דורכגנבֿענען
אָן אַ באַטעמטן איבערקלער,
אָן אַ פֿלאַטער וואָס זאָל בײַם צעשיידן
באַרירן מיט אַ גלעט
די קעפּ פֿון אונדז ביידן.
ס׳מינדסטע גאָרניט ווערט אַ שׂכלדיקער עפּעס
דורך דײַן פֿאַרטײַטש, זאָג און פֿרעג.
מיר זענען געבענטשט מיט דער חומשדיקער ברכה
פֿון לאַנגע טעג.

שאַרך פֿון יאָרן

דער שאָרך פֿון יאָרן
האָט דורכגעציטערט מײַן געמיט
מיט אַ באַריר, וואָס האָט מיך אָפּגעבריט
ווי דער אָנזאָג פֿון אַ באַלדיקער סכּנה־בריק,
פֿאַרוואָקסן מיט שטעכלקעס איז דער צוריק.

פֿאַרפֿאַלן. ס׳וועט ניט העלפֿן קיין כּעס, קיין צאָרן,
מײַן יונג לעבן גייט פֿאָרויס
צום קריג מיט אַלטע יאָרן.
קויל נאָך קויל וועט מיך טרעפֿן און פֿאַרווונדן.

טײַער מיידל, וואָס האָסט זיך אַזוי צוגעבונדן,
אפֿשר דאַרפֿן מיר זיך דאָ שיידן,
באַלד און די קוילן וועלן טרעפֿן אונדז ביידן.

קום אַרײַן

קום אַרײַן, פֿאַרמאַך די טיר.
דאָס וואָרט צווישן מיר און דיר
איז אײַנגעזונגען און פֿאַרשלעפּערט.
אָבער ס׳לעצטע וואָרט פֿון מענטשלעכן סידור
וועט פֿלאַטערן ווידער
אונטער אונדזער גלעט,
וואַרעם מיט צוטרוי און געבעט.

איבער די דעכער טראָגן זיך איבערפֿליגן.
דער געשפּאָט פֿון זייערע זיגן,
פֿון זייער צעפֿלויגענעם רום,
מאַכט דיך און מיך שטום.

אָט זענען זיי אויף ס׳נײַ אָנגעפֿלויגן
און פֿאַרשראָקן אונדזער גלויבן,
אויפֿגעציטערט אונדזערע שויבן
מיט מוראס.
מיט ליפּן און אויגן
לייענען מיר ווי שטומע
דעם געמורמל פֿון דורות.

אָן געשאַנקען

אָרעם בין איך. כ׳ברענג דיר מער נישט
קיין געשאַנקען צו טראָגן.
כ׳קום צו דיר נאָענט מיט ליידיקע הענט.
די פּסוקים מיט אָפּגעטײַטשטע קעפּלעך
האָב איך לאַנג אַוועקגעוואָרפֿן.
כ׳וויים, ווי דו האָסט תּמיד אָנגעקוואָלן
פֿון סימבאָלן.

ווי צו טרויעריקע שולן,
צו שוועלן פֿון גלויבן,
אַזוי שווער איז צוריקצוקומען
צו אַמאָליקע ווערטער.
באַקאַנט זענען דיר זייערע ערטער.
הערסט זייער ברומען, ווײַ מיר.
קומסט אַ מאָל נאָענט, קוקסט פֿאַרבענקט
דורך די שויבן.

אָבער דו וואָס רוסט נאָך אין שאָטן פֿון תּנ״כישע ביימער,
אָ, זינג מיר קילע טרייסט
פֿון אַלץ וואָס געדענקסט, אַלץ וואָס דו ווייסט.

עלטער

כ'וויל דיך נישט בײַקומען.
טו מיט מיר אַלץ וואָס דו ווילסט,
כ'נעם אָן דײַן שטראָף.
באַצייכן מיך, צעקנייטש מיך,
פֿאַרסימן מיך
ווי דײַנעם אַ פּאַסטעך
פֿון שלעפֿעריקע שאָף.

און אַז איך וועל זיך אונטערגעבן,
וועל איך מאַכן פֿון די נעכט
אַ נײַעם הימל, אויסגעשטערנט
מיט וווּנדער־געוועבן
און איינדזלען מיט זילבערנע נעמען.

גאָט, ווי די עלטער זאָל ניט רוען,
האָט זי דאָך אַ סך נײַ געבוירענע שעהען,
מ'דאַרף זיי קאָנען בויגן,
פֿאַרזיגלען אין גוטע אויגן,
אין געטרײַע, צעפֿינקלטע שפּיגלען.
טײַער מיידל, ווי גוט ס'איז אײַנצוהלומען אין דיר
דאָס פֿאַרבלענדעניש — פֿאַר גאָטס
צעבלעטערטער צײַט,
וואָס ווערט צעאייביקט און יונג,
פֿול מיט פֿאַרשטענדעניש
און באַטײַט.

די פּרייד פֿון ייִדישן וואָרט

איינס

ווי טרויעריק ס׳טײַטשן זיך די ווערטער
אין שעה פֿון פֿולער אַחריות.
דער באַפֿעל איז אַ שטרענגער,
די קעפּלעך פֿון די אותיות זענען געבויגן.
דאָס וווּנדער לעשט זיך אין דײַנע אויגן.

ס׳ציטערט אַזש די הויט. דאָס געזאַנג
שפּראָצט ווי פֿריש גראָז,
נאָר דו טרעטסט דעספּאָטיש
און גרינקייט ווערט אומגעבראַכט מיט אַ געשריי.
פֿאַרמישפּטסט דעם גאַנצן האָריזאָנט צו פֿאַרטײַטש.
אין האַנט פֿון מײַסטער אַ בלײַענע בײַטש.

און אַזוי אַ פֿאַרקנעכט
זיפֿצט דער גאַנצער וואָרטפּייזאַזש.
ס׳זענען נאָך ווערטער קיין מאָל
אַזוי יונג נישט פֿאַרקרענקט געוואָרן.
דו, דער צוימער פֿון אַזוי פֿיל ווילדער שיינקייט,
לייגסט דעם קאָפּ פֿון אַ לייב, אַ טיגער.
ווערסט אַלט, פֿאַרנייגסט זיך,
דו איינזאַמער, טרויעריקער באַזיגער.

צוויי

זינג אַרײַן אין טאָל פֿון ביינערדיקע ווערטער:
שטייט אויף אות צו אות.
כ׳האָב אײַך ליב, טויטע וועלט פֿון מײַן יונגשאַפֿט.

איך באַפֿעל, שטייט אויף, לעבט אויף די פֿרייד,
נענט אות צו אות, אין וואַרעמען ציטער
און מיינט גאָרניט,
נאָר טאַנצט אַנטקעגן וועלט.
ווי ליכטיקע פֿייגל די וואָלקנס פֿאַרשטעלט.

דער טאָל זינגט, דער הימל ווערט קיל באַזוימט מיט זילבער.
מענטשן מיט ספֿק אויף די ליפּן
פֿאַרגלייבן טיפֿער זייער צער
און ברעכן זיך די הענט.
וואָס איז די טײַטש פֿון דעם אַלץ?
פֿרעגן זיי, ווען גאָטס אָטעם
איז אַזוי טוויִק-גוט
און דער צייכן איז פֿרייד
און דער שמייכל איז מוט.

דרײַ

אָ לאָזט מיך צו צו דער פֿרייד פֿון יִדישן וואָרט.
גיט מיר גאַנצע, פֿולע מעת-לעתן.
פֿאַרקניפּט מיך, פֿאַרוועבט מיך,
טוט מיך אוים פֿון אַלע אײַטלקייטן.
באַשפּײַזט מיך דורך קראָען, שענקט מיר קרישקעס,
אַ געלעכערטן דאַך און אַ הארט בעט.
אָבער גיט מיר גאַנצע, פֿולע מעת-לעתן,
לאָזט מיך נישט דאָס יִדישע וואָרט
אויף אַ רגע פֿאַרגעסן.

איך ווער שטרענג און געביטעריש
ווי די האַנט פֿון מײַן פּרנסה.

די קאַפּהענער און דער שאַמפּאַניער
אומפּאַרדייען מײַן צײַט.
דאָס ייִדישע וואָרט ליגט פֿאַרשפּײַכלערט,
דער שליסל זשאַווערט אין מײַן האַנט.
מײַן מיושבֿדיקער טאָג רויבט מײַן פֿאַרשטאַנד.

אַ זינג, דערזינג זיך צו נאַקעטער קנאַפּקייט.
די וועלט ווערט פּעט אויף דײַן געלעגער.
פֿאַר אײַך ביידן איז באַלד קיין אָרט נישטאָ.
דאָס ייִדישע וואָרט וואָרט אויף דיר געטרײַ און שטום.
און דו זיפּצסט אין געצונדענעם חלום:
איך קום, איך קום.

פֿיר

ווּעסטו, ווּעסטו, ווּעסטו ווען עס איז קומען?
דער פֿאַרטאָג וועט דיך זען אויסגעטאָן און אויסגעשפּאַנט.
דאָס ייִדישע וואָרט פֿינקלט דיר
ווי אָפּנאַרעריש גאָלד פֿון ווײַטנס.
ווילסט לויפֿן אַנטקעגן, אָבער די קייטן פֿון דײַן חלום
קלינגען קנעכטיק און וועגן שווער.
דײַן טראָט איז פֿון אַ מידן בער.

דאָס ייִדישע וואָרט לאַכט פֿון דײַן אַלטן טראָט.
ליגסט גוט אין פּעסל, טראַכטסטו.
דער וועקזייגער וועט שוין באַלד אָנהייבן קרייען.
עפּעס גרימפּלט אין די געדערים.
ס'איז אַ שווערער געדאַנק געבליבן שטעקן
און קאָנסט אים נישט פֿאַרדײַען.

פינף

די האַנט איז וואַרעם, דאָס פּנים איז ליכטיק
און דער שמייכל באַשיידט אַלע חלומות,
לייזט אַלע רעטענישן.
די קאַווע וואַרטשעט שוין,
די קאַשע מיט מילך איז גרייט,
די שטעקשיך נאַרן אָפּ מיט באַרוועסער רו.
דער זייגער פּאַקט דיך ביַים האַלדז.
דרימלסט, ביסט קוים דאָ, קוים פֿאַראַן.
דער שמייכל איז ליכטיק
און גייט מיט דיר אין שפּאַן,
גייט מיט דיר, טראָט ביַי טראָט,
גייט מיט דיר אין שפּאַן.

אַ גוט מאָרגן, גוט מאָרגן,
ס'האָט זיך מיר געחלומט
די פֿרייד פֿון יִדישן וואָרט
און אַ גאַנצער טאָג, אַ פֿריַיער טאָג
מיט גאָלדענע רגע־רעדלעך און אַ זינגענדיקן פּערפּענדיקל,
און מירביידע לעבן אויף טיַיבל־קרישקעס,
מיר אַ שטיקל, דיר אַ שטיקל.
אַ זיַי געזונט, זיַי געזונט.
ניט פֿאַרליר מיך, זוך מיך אָפּ.

אויף דער מאַפּע פֿון אַזוי פֿיל דאגות,
ערגעץ ווו בין איך פֿאַראַן.
אַ וואַרעמע האַנט, אַ פֿאַרטרערט אויג,
אַ שמייכל גייט מיט מיר אַ גאַנצן טאָג אין שפּאַן.

וואָלקן־ייִד

איינס

דער וואָלקן־ייִד, דער גרויער,
קומט אָן מיט זײַן דורכזיכטיקן טרויער.
ס׳פֿאַלט אויף גלײַכגילטיקע פֿענצטער
אַ דערשטוינטער דרימל.
דער וואָלקן־ייִד שרײַבט ייִדישע אותיות
אויף אַ ווילד־פֿרעמדן הימל.
כ׳וויל זיי נעמען לייענען,
טײַטשן, דערקלערן.
זיי צערינען גיך ווי טרערן,
פֿעדימדיקע טרערן,
איידער כ׳באַווײַז צו באַשיידן זייערע מיינען.

אַ שין, בלינד אויף אַלע דרײַ אויגן,
ווערט געלענגלט, אויסגעצויגן,
ביז זי בלײַבט הענגען אַ האַרף,
וואָס טונקלט־אָן אַ ציטער
פֿון אַ צעטראָטענעם געבאָט,
אויף די רויטע צלמים
פֿון אַ פֿאַרקלויסטערטער שטאָט.

די ליידיקע שול לייזט זיך אויף.
דער וואָלקן־ייִד טראָגט זי אַוועק אין די הייכן.
ס׳גיבן זיך אַ ריס העק און הענט,
אָבער זיי קאָנען נישט דערגרייכן.
בלויז בײַ מיר אַליין ציטערן די ליפּן,
ווי די פֿאַרנאַכטיקע האַרף,
ווען די באַשערטע זעונג
שליסט מיר די אויגן,
מיט איר הייליקער שאַרף.

צוויי

אַ גרויסער ברענענדיקער פֿאַרצײַטישער טרויער,
פֿון אַ פּנקס מיט צעפֿאַלענע בלעטער,
האָט זיך אין מיר אײַנגעדענקט
און בּיסלעכווײַז אָפּגעשווענקט
אָקאָרשטיקע צייכנס
פֿון ייִדישע געסלעך, ייִדישע געוועלבער,
שולן, מצבֿות.

אַ פּחד האָט מיך דורכגענומען,
ווען כ׳האָב דעם וואָלקן־ייִד —
פֿאַרשטערנט אין די אותיות,
אויף זײַן ייִדישן הימל,
געוואָלט אייגענען, דערקענען.
די אותיות האָבן זיך גענומען באַהעפֿטן,
גענענען.
איך האָב די פֿײַער־מגילה
מיט פֿאָרכט געלייענט:

„נאָך איידער מ׳האָט דעם גוף מײַנעם
איבּרימווײַז פֿון מיר אָוועקגעפֿײַניקט,
בּין איך שוין מער נישט געווען באַזונדערער טאַטע,
נאָר אַ פּונק ייִדישע קדושה.
אַזוי זאָלסטו אַרײַנטײַטשן מיך אין דײַן ליד,
זון פֿון אייביקן וואָלקן־ייִד״.

געזעצט און געדרוקט בײַ
מאַרסטין פּרעס, אינק',
228 איסט 45 סט', ניו-יאָרק
אײגנטימער: י. לאַנדאָן

438